# יידישע קולטור

חודש־שריפט פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד (איקוף)

רעדאַקטאָר—נחמן מייזיל

רעדאַקציע־קאָלעגיע: ב. צ. גאָלדבערג, ז. וויינפער, משה בין, ד״ר. ר. מאהלער, קלמן מרמר, לעאָן קאָברין, ד״ר. א. קלוצאָק

New York, N. Y.
January, 1946

אַכטער יאָרגאַנג
יאַנואַר, 1946

◆ 1 ◆

אַבאָנאַמענט־פּרייז — אַ יאָר: $3.00; אין אויסלאַנד — $3.50

אַדרעס: YKUF, 189 Second Ave., New York 3, N. Y.
טעלעפאָן: GR. 7-9084


# דער צווייטער וועלט־קריג און די יידישע ליטעראַטור

„הביטו וראו אם יש מכאוב כמכאובי“ — טוט אַ קוק און זעט, צי איז דאָ אַ ווייטיק ווי מיין ווייטיק.
„סחי ומאוס תשימנו בקרב העמים“ — קויט און מיסט האָסטו אונדז געמאַכט צווישן די פעלקער.
(איכה א׳ י״ב, ג׳ מ״ה)

פון נחמן מייזיל

דער צווייטער וועלט־קריג האָט שטאַרק, גרויזאַם שטאַרק איבערגעאַנדערשט דאָס יידישע לעבן, דאָס לעבן פונעם יידישן פאָלק, און ממילא אויך לחלוטין פאַרענדערט דעם אויסזען און כאַראַקטער פון דער יידישער ליטעראַטור אין גאָר דער וועלט. עס רויכערן זיך נאָך די חורבות, דאָס בלוט פון די מיליאָנען שוועסטער און ברידער שרייט נאָך אַרויס פון דער נישט־פאַרקילטער ערד און מיר ווייסן נאָך נישט ווי דאָס יידישע לעבן אין פיל יידישע ישובים וועט זיך אין די נאָענטע יאָרן „נאָרמאַליזירן“, קאָנען מיר אויך נישט וויסן, ווי ס׳וועט גיין דער ווייטערדיקער גאַנג פונעם יידישן שאַפן אין אַלע יידישע קבוצים.

אין זאַך איז אויסער יעדן ספק: ס׳איז מוראדיק פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל יידן אין אייראָפּע, אין אייניקע קבוצים — ביז צו אַ מאויימדיקן מינימום, און ס׳איז אויך אין דער זעלבער צייט, אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ פאַרמינערט געוואָרן די צאָל יידישע שרייבער און קינסטלער. ס׳איז דאָ אַ געפאַר, אַז אין אייניקע, אַמאָל־וויכטיקע, יידישע קיבוצים איז איבערגעריסן, צעריסן געוואָרן די גאָלדענע קייט פונעם יידישן לעבן און שאַפן. הלואי זאָל עס זיין אַנדערש, אָבער די דערווייליקע לעבנס־באַדינגונגען און אַטמאָספער זאָגן נישט צו קיין פולשטענדיקע אויפלעבונג און ווידערבאַנייאונג אפילו ביי דעם קליין ביסל שארית הפליטה.

וועלן מיר זיך נישט פאַרנעמען מיט נביאות־זאָגעריי אויף ווייטער. מיר וועלן איצט פרואוון אונטערפירן אַ שטיקל סך־הכל פון דעם, וואָס איז פאַרגעקומען. ס׳איז שוין אַזוי דער שטייגער פון אַמאָליקע אַמאָלן: נאָך יעדער מגפה, נעמען מיר זיך צו ציילן... „לך ספור“, גיי צייל, צייל איבער די צאָל אומגעקומענע און די צאָל פאַרבליבענע.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ערב דעם איצטיקן צווייטן וועלט־קריג, האָבן מיר געהאַט אַ 15־16 מיליאָן יידן, — פון זיי זיכער איבער אַ העלפט — אַ־9 מיליאָן יידיש־רעדנדיקע, יידיש־פילנדיקע, יעדנפאַלס — אַזאַ גרויסע מחנה פון פּאָטענציאַנעלע געברויכער־געניסער פונעם יידישן שאַפן. מיט עטלעכע יאָר צוריק, ערב דעם איצטיקן צווייטן וועלט־קריג, האָבן מיר פאַרמאָגט דריי הויפּט־צענטרען פון דעם יידישן שאַפן, פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור: פּוילן, ראַטנפאַרבאַנד און אַמעריקע. צו פּוילן האָבן אויך אין אַ געוויסן זין געהערט די אַלע שכנישע, דערבייאיקע יידישע ישובים ווי ליטע, לעטלאַנד, בעסאַראַביע, ווי אויך בעלגיע און פּאַריז. די יידיש־פּוילישע וואַרשע, ווילנע זיינען אין תוך געווען די שאַפערישע מעטראָפּאָליעס פאַר די אַלע קלענערע יידישע ישובים, וועלכע האָבן געגאָסן פונעם יידישן פּוילן, און גלייכצייטיק אויך פאַרשטאַרקט די יידישע קולטור־פּאָזיציעס אין פּוילן. צו די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אָנגעהערט (און געהערן נאָך אָן!) קאַנאַדע, מעקסיקע, ווי אויך אייניקע יידישע קיבוצים פון די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער מיט אַרגענטינע אין דער שפּיץ, ווי אויך דרום־אַפריקע (יאָהאַנעסבורג) און אויסטראַליע (מעלבורן). דער יידישער ראַטנפאַרבאַנד איז ערב דעם צווייטן וועלט־קריג געווען מער אַ וועלט פאַר זיך מיט אומדירעקטע פאַרבינדונגען, איינפלוסן און קאָנטאַקט אויף געוויסע גרופּירונגען און ריכטונגען אין די אויסגערעכנטע לענדער און ישובים. און הגם יעדער איינער פון אָט־די דריי

הויפּט־צענטערן (לאָמיר צוליב קורצקייט אַנרופן: פּוילן, ראַטנפאַרבאַנד און אַמעריקע) זייַנען אין תּוך געווען צווייגן פון איין שטאַם, טיילן פון איין איינהייטלעכן יידישן ליטעראַטור־אָרגאַניזם, אָבער יעדער איינער פון די צענטערן האָט געלעבט, געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אין באַזונדערע סביבות, ביי ספּעציפישע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם כאַראַקטער און וועזן פון דער יידישער ליטעראַטור אין דעם געגעבענעם לאַנד — פּוילן, ראַטנפאַרבאַנד אָדער אַמעריקע.

עס האָבן זיך אין לויף פון יאָרן איינגעשטעלט מער־וויניקער נאָרמאַלע קעגנזייטיקע ווירקונגען און אפילו אַן אויסטויש פון לעבעדיקע שאַפערישע כוחות צווישן אַמעריקע און פּוילן, און, ווי געזאָגט, זייַנען אייניקע ריכטונגען אין פּוילן און אַמעריקע, וואָס זייַנען אידייאיש נאָענט געווען צום ראַטנפאַרבאַנד, אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם דאָרטיקן יידישן שאַפן. פאַר די לעצטע 25 יאָר זייַנען אין די דריי הויפּט־צענטערן אויפגעוואַקסן יונגע קינסטלער, וואָס זייַנען שוין אינגאַנצן געווען פּראָדוקטן פון די לענדער, זיי זייַנען אויפגעקומען, געווען און פאַרבליבן דאָס אייגנטום פון די־אָ באַזונדערע לענדער. זייער צאָל איז געווען גרויס, פיל גרעסער אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין פּוילן, ווי אין אַמעריקע. דער צוואוקס און נאָכוואוקס פון יונגע שעפערישע כוחות אין ראַטנפאַרבאַנד און אין פּוילן האָט ווייט איבערגעשטיגן די צאָל יונגע אין אַמעריקע. אין דער זעלביקער צייט האָבן פאַרגעזעצט צו שאַפן אין דריי הויפּט־צענטערן באַדייטנדיקע עלטערע יידישע שרייבער, וואָס זיי און זייערע ווערק האָבן זינט יאָרצענדליקער געהערט צום אייזערנעם פאָנד פון גאָר דער יידישער ליטעראַטור און זיי זייַנען פאַרבליבן אַזוי אַרום אויסער די גרענעצן פון די דריי אָפּט־אָפּגעבאַזונדערטע צענטערן.

און צו וואָס עס פאַרלייקענען: אָפטמאָל איז געווען די מורא און די געפאַר, אַז די מחיצות, די נאַטירלעכע און די ספּעציעל־אויפגעשטעלטע, צווישן די באַזונדערע צענטערן וועלן אַלצמער וואַקסן און וועלן לחלוטין פאַרהאַלטן, ווי באַריערן, די נאָרמאַלע קעגנזייטיקע הין־און־צוריק שאַפונגס־צירקולאַציע. פּונקט ווי ס'איז, אגב, ביז איצט דאָ די מורא און ערנסטע געפאַר, אַז די מחיצות, די נאַטירלעכע און ספּעציעל־אויפגעשטעלטע, צווישן די יידישע קינסטלער און דער יידישער אַמעריקע גופא וועלן צעטיילן, צעהאַלבן און צעברעקלען די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע אויף „רעכטע" און „לינקע".

אין אַזאַ צושטאַנד האָט דער צווייטער וועלט־קריג געטראָפן מיט עטלעכע יאָר צוריק די יידישע קינסטלערישע וועלט. פון איין זייט — אַלץ־וואַקסנדיקע געפאַרן מצד דעם צעיושעטן פאַשיסטישן און נאַציסטישן באַנדיטיזם און פון דער צווייטער זייט — אַלץ־גרעסערע און טיפערע שאַפערישע פאַרמעסטן ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן אין גאָר דער וועלט. דער מאַניפעסט פונעם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, געגעבן צום יידישן פאָלק סעפּטעמבער 1937 אין פּאַריז, האָט שאַרף באַטאָנט אָט־די צוויי וויכטיקע מאָמענטן אין יענער צייט ביים יידישן פאָלק און אין דער וועלט. אַלע מיר האָבן געאַנט די קאַטאַסטראָפע, וואָס האַלט זיך אין רוקן אויף דער וועלט בכלל און אויף יידן בפרט. מיר האָבן דאַן כאַראַקטעריזירט די צייט, ווי אַ „טיף־טראַגישע אין לעבן פון יידישן פאָלק". „די פינצטערע קרעפטן פון רעאַקציע און פאַשיזם, אין זייער קרייצצוג קעגן אַלע פּראָגרעסיווע לעבעדיקע כוחות פון דער היינטיקער וועלט, האָבן געמאַכט דאָס יידישע פאָלק פאַר דעם ציל־ברעט פון זייערע באַזונדערע אַטאַקעס. די סאַמע עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק ווערט באַדראָט אין אַ ריי לענדער פון דער וועלט." אַז דאָס זייַנען געווען נישט גלאַט אַזוי „הויכע מליצות", האָבן מיר זיך גלייך איבערצייגט. דער פייערדיקער מבול האָט גלייך גענומען פאַרפלייצן די וועלט, און אין דער ערשטער ריי — אומגעבראַכט מיליאָנען פון דער יידישער באַפעלקערונג צוזאַמען מיט די אַלע יידישע דורותדיקע ישובים. מיר האָבן פאַרשפּילט אונדזער יידיש פאָלק אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע, פאַרשפּילט אויפן מוראַדיקסטן אופן ביי גלייכגילט, ביי שטילשווייגן, ביי הפקרדיקסטער קאַלטבלוטיקייט פון דער וועלט, פון דער גרויסער וועלט. האָבן מיר שווערע חשבונות מיט דער וועלט, חשבונות, וואָס וועלן אייביק נישט אָפּגעווישט און פאַרריבן ווערן. האָבן אויך די אומגעקומענע יידישע קיבוצים שווערע חשבונות מיט די איבעריקע טיילן יידישע וועלט, חשבונות, וואָס וועלן אויך אייביק נישט אָפּגעווישט און פאַרריבן ווערן.

אַזוי איז די לאַגע איצט אין דער יידישער וועלט און די לאַגע פון די יידן אין גאָר דער וועלט. נישט אַלץ אפילו וואָס ס'וויל זיך אָפּן אַרויסזאָגן, קאָן מען, הגם ס'וויל זיך, הגם מ'דאַרף, הגם מ'וואָלט באַדאַרפט עס טון מיטן פולן מויל.

איצט ביים שוועל פון ניי־יאָר 1946 ווילט זיך דאָך אונטערפירן עפּעס אַ שטיקל סך־הכל צו די עטלעכע מוראַדיקע יאָרן און ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם יידישן פאָלקס־שפּיגל, אין דעם יידישן האַרץ און נשמה, אין דער יידישער ליטעראַטור.

און קודם־כל ווילט זיך אונטערשטרייכן די יידישע ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך. די גרויסע יידישע קאַטאַסטראָפע, דער מאוימדיקער יידישער פאָלקס־אומגליק איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן בעיקר און אפשר כמעט אויסשליסלעך אינעם יידישן שאַפן אין דער יידישער שפּראַך. אין די פאַרשיידענע עקן יידישע וועלט זייַנען געווען און ס'זייַנען דאָ יידן, וואָס רעדן און שאַפן אויך אין אַנדערע אָרטיקע שפּראַכן, — אַזוי אין ראַטנפאַרבאַנד, פּוילן, אַמעריקע, ווי אויך אין די אַלע אַנדערע שכנישע, דערבייאיקע לענדער, וואו יידן האָבן געשאַפן אויף שפּאַניש, פראַנצויזיש און ענגליש. מיר ווייסן אָבער ווייניק וועגן וואָסערע ס'איז לייטישע, וואָ־

ביקע ווערק, שאַפונגען, וואָס די דיכטער, פּראָזאַאיקער און סתם אוממיטלבאַרע „באַאָבאַכטער" פון די אַלע גרויליקייטן האָבן געפּרוּווט ברענגען צום אויסדרוק אין זייערע שאַפונגען. ערגעץ־וואו איז ביי די יידיש־שרייבער געווען דאָס אחריות־געפיל צו פאַרפיקסירן די גרויזאַמקייטן און מיט אַ שטילער, געהיימער האָפענונג, אַז דאָס פאַרבליבענע פאָלק וועט נאָכזוכן, נאָכשפירן די אַלע ווערק, די אַלע שאַפונגען פון דער גרויסער פאָלקס־טראַגעדיע. ס'איז געווען אַ נאַטירלעכער אינעווייניקסטער דראַנג צו רעדן צום פאָלק וועגן זיין גרויסער קאַטאַסטראָפע אין דער פאָלקס־שפּראַך. יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען מער אַ העברייאישער דיכטער ווי אַ יידישער, אָבער זיין גרויליק געזאַנג וועגן אומקום פון יידישן פאָלק, האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב און פאַר זיין פליכט אויסצוזינגען אָדער אויסצואוויטיקן אין יידיש. און אַזוי פיל, פיל אַנדערע. פאַראַן, ווייזט אויס, מאָמענטן ביי פאָלקס־דיכטער, ביי פאָלקס־מענטשן וואָס זיי קאָנען און ווילן דערגרייכן צו העכערע מדרגות, צו דערהייבנדיקע מאָמענטן בלויז אין דער פאָלקס־שפּראַך. און אפשר קומט צו ערגעץ־וואו נאָך אַ מאָמענט אַ פאַרבאָרגענער: אַזוי אייגן, טיף־אייגן און גרויס און מוראדיק איז די איבערלעבעניש, אַז ס'ווילט זיך עס זאָל דערגיין וועגן דעם דורכאויס צו אייגענע, צו טיף־אייגענע. אַנדערש וואָלט עס אפשר געווען אַ מין חילול־הקודש, אַ פאַרשוועכונג פון דעם גרויסן אומגליק, ווען אַנדערע, פרעמדע וואָלטן עס געלייענט נישט מיט דער געהעריקער נאָענטקייט און אייגנקייט.

ווי ס'זאָל נישט זיין, — אַ פאַקט איז, אַז צווישן די פיל הונדערטער יידישע דאָקומענטיזירטע שאַפונגען, אין פערזן און אין פּראָזע, האָבן מיר ווייניק, זייער ווייניק אָדער כמעט גאָרנישט אויף אַנדערע שפּראַכן אויסער יידיש. אונדזער יידיש לשון איז ווי אַ פלאַם־פייער געווען באַהאָפטן צום קנויט, נישט צום אָפּטיילן ביזן לעצטן אויפפלאַקער.

איצט, עטלעכע חדשים ווי דער אָפיציעלער וועלט־קריג האָט זיך שוין פאַרענדיקט, לאָזט זיך שוין מאַכן אייניקע אַלגעמיינע סך־הכלען פונעם יידישן שאַפן, לויט די לענדער וואו די ווערק זיינען געשריבן געוואָרן.

יעדעס לאַנד פון די הויפּט־צענטערן האָט פאַר די עטלעכע יאָרן אַרויסגעבראַכט ווערק, וואָס זיינען אין טיפן איינקלאַנג, אין ענגער פאַרבינדונג מיט די געשעענישן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין יעדן לאַנד. די־אָ יידישע שטעט, געגנטן, קיבוצים, וואָס זיינען גלייך אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם שווערן קנאַפּל פון די מערדערלעכע דייטשן און טאַקע פון דער ערשטער מינוט אָן גענומען ליידן אַלדי שוידערלעכקייטן, — אין די־אָ ערטער איז דאָס יידישע שאַפן, ווי דאָס „לעבן" אינגאַנצן גלייך אַריבער אויף אַנדערע באַדינגונגען, אין דער ספּעציפיש־אונטערערדישער סביבה, וואָס אַן אונדזער איינער, וואָס איז דאָרטן אַליין נישט געווען, קאָן גאָר נישט האָבן קיין באַגריף און אַנונג. פון די פאַרשיידענע פאַרבליבענע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך פאַרהיט (און זיכער איז עס אַ גאָר־קליינער פּראָצענט פון דעם, וואָס איז אין יענער אויסטערלישער אַטמאָספער געשאַפן געוואָרן ביי דעם שטענדיקן לויער פון די ווילדע דייטשישע אויסוואורפן), האָבן מיר אַ שטיקל פאָרשטעלונג פון יענעם אַרט „שאַפן".

ש. קאַטשערגינסקי פון ווילנע, וואָס האָט, ווי זיין חבר אברהם סוצקעווער, באַוויזן „אַדורכצולעבן" און פאַרבלייבן גאַנץ נאָך די עטלעכע גרויל־יאָרן, שרייבט טאַקע אין זיין קורצן אַריינפיר וועגן די לידער. וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין ווילנער געטאָ אָט וואָס: „די דייטשע אָקופּאַציע מיט אַלע אירע סיסטעמען, מיט די געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פאַרניכטונגס־לאַגערן — וועגן דעם איז אוממעגלעך צו געבן אַ וועלכע ניט איז פאָרשטעלונג מיט געוויינלעכע ווערטער אויף אַ געוויינלעכער מענטשלעכער שפּראַך. אַלע באַשרייבונגען, דאָקומענטן און בילדער וועלן דעם גרויל ניט קאָנען שילדערן אין זייער גאַנצן פאַרנעם. ווער עס איז דאָ אַליין ניט בייגעווען, וועט ניט קאָנען באַגרייפן מיט דעם פשוטן שכל, וואָס פאַר אַ בלוטיקע קאָשמאַרן מיליאָנען מענטשן האָבן דאָ איבערגעלעבט." אָט־דער פאָלקלאָר, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די גרויזאַמסטע באַדינגונגען, האָט אויף זיך די אַלע קענטיקע סימנים פון אויטענטישקייט, פון מעשה־שהיה, פון נישט־אויסגעטראַכטקייט. מיר האָבן דאָ ווייניק דיכטערישע „פליטערלעך", ס'איז גערעדט קלאָר און צום פונקט...

ש. קאַטשערגינסקי קלאָגט זיך, אַז „ניט אַלע לידער פון די געטאָס אין ליטע (ער האָט זיך בעיקר פאַראינטערעסירט מיט די געטאָס פון ווילנע, קאָוונע, שאַוועל) האָט זיך מיר, ליידער, איינגעגעבן אויפצוזאַמלען. אַ טייל זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע שאַפער, אַ טייל בלאָנדזשען נאָך אַרום פון מויל צו מויל און וואַרטן מען זאָל זיי פאַרשרייבן. אויף עטלעכע לידער, וואָס זיינען אויפגעזאַמלט, איז אָנגעגעבן „אויטאָר אומבאַקאַנט", אויף אייניקע — אַז זייערע מחברים „האָבן נישט דערלעבט דעם טאָג פון באַפרייאונג".

און נישט נאָר איז דער שאַפונגס־פּראָצעס פון אָט־די אויטענטישע לידער אַ ספּעציפישער. אויך דער אופן ווי זיי זיינען געוואָרן אַ גענים־פּראָדוקט איז דאָ אַן אַנדערער. „אין אַ געוויינלעכער צייט — שרייבט ש. קאַטשערגינסקי — וואָלט יעדעס ליד באַדאַרפט אַדורכמאַכן אַ לאַנגען וועג צו איר פּאָפּולאַריטעט. אָבער אין געטאָ האָבן מיר צוגעזען אַ וואונדערלעכן פּראָצעס; אינדיווידועלע שאַפונג איז פאַר אונדזערע אויגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָלקלאָר, יעדעס ניי־געשאַפן ליד, וואָס האָט אויסגעדריקט די געפילן און איבערלעבונגען פון דער מאַסע, איז דורך דער מאַסע גלייך אויפגענומען און פאַרשפּרייט געוואָרן ווי איר אייגנס." (זע „מאָרגן־פרייהייט" דעם 9־טן דעצעמבער 1945). און ש. קאַטשערגינסקי באַצייכנט טאַקע אַזוי דעם פאָלקלאָר, וואָס „די בלוטיקע צייט האָט אָנגעלייגט אַ שטעמפּל אויף אים, — דערפאַר איז די טעמאַטיק אין געוויסע הינזיכטן איינגאַרטיק, דערפאַר איז די פאָרם פון אַ סך

לידער נישט קיין געהובלטע — אַ פּשוטע, אָבער אַן אומטיטלבאַרע און אמתדיקע."

דער יונגער אומגעקומענער הירש גליק איז זײַן ליד, וואָס איז געוואָרן דער הימן פון די פּאַרטיזאַנער אין דעם ווילנער געטאָ, וואָגט טאַקע אינעם ליד:

„דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בלײַ,
ס'איז ניט קיין לידל פון אַ פֿייגל אויף דער פֿרײַ,
דאָס האָט אַ פֿאָלק צווישן פֿאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנען אין די הענט."

פון אָט־דעם כאַראַקטער און שניט זײַנען די ווײַ־געשרייען פון יצחק קאַצענעלסאָן, ווי אויך די געטאָ־און וואַלד־לידער פון אברהם סוצקעווער, וואָס זײַנען אײַנגעזאַמלט דורך אים אין דער לידער־זאַמלונג „די תפיסה", וואָס איז אַקאָרשט אַרויס אינעם איקוף־פֿאַרלאַג. בײַ יצחק קאַצענעלסאָן האָבן מיר שוין דעם לעצטן ווידוי, דאָס לעצטע ווייטיקפֿולע וואָרט פונעם פֿאַראורטיילטן צום טויט. בײַ אברהם סוצקעווער ראַנגלען זיך כסדר אומקום־מאָטיוון מיט צאַפּלענדיקער האָפֿענונג.

א. סוצקעווערס לידער־זאַמלונג איז אַ מערקווירדיקער מענטשלעכער און קינסטלערישער דאָקומענט. נישט ריכטיק — נישט קיין איין דאָקומענט, נאָר יעדעס ליד, יעדער פֿערז איז אויסטערליש, איז מערקווירדיק, וואָס מאַכט אויפֿטרייסלען דאָס געמיט און גלײַכצײַטיק לאָזט עס איבער אַ טיפֿע אומהיימלעכקייט, וואָס אין אַזאַ צײַט, בײַ אַזאַ מין מוראדיקער אַטמאָספֿער קאָן דער מענטש נאָך שאַפֿן און מיטן טיפֿן גלויבן און בלענדנדיקן ווילן צום לעבן. דאָס לידער־בוך הייבט זיך אָן מיט אַ ליד, וואָס פֿאַרמאָגט אַזעלכע וואונדערלעכע שורות, ווי „אין לעצטן גורל זעביק מיך מיט גלויבן,
אַז מאָרגן וועלן זיבן זונען אויפֿגיין אין אַ מרער,
אַז ערגעץ בעטן שפּראָצן שוין

אין אויסגעלייזטע שטויבן
גיבורים־קערנער, נאַכטיקע מיט ווילן און באַגער.
(ז' 15)

אגב, דאָס ליד איז דאַטירט דעם 2־טן מערץ 1943, אין דעם סאַמע מוראדיקסטן פּעריאָד פון די דײַטשישע ברוטאַלקייטן. דאָס גאַנצע לידער־ און פּאָעמעס־בוך פון א. סוצקעווער איז גלײַכצײַטיק אויך אַ גרויסער ליכטיק־בלענדנדיקער מאָנומענט פון דעם ייִדישן מאַרטירער און העראָאישן גייסט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם ייִדישן מענטש, דעם ייִדישן קעמפֿער, און זיכער נישט נאָר פון ווילנער געטאָ, נאָר אויך פון פֿיל אַנדערע געטאָס, וואו ס'איז שווער געווען ברעכן אַזוי לײַכט דעם ייִדישן ווידערשטאַנד, דעם ייִדישן גייסט. ציטירן לידער, ציטירן פֿערזן פון פּאָעמעס מיינט איבערשרײַבן אַ שטיק בוך.

אַז דאָס „שאַפֿן" אין די גרויליק־גרויזאַמע באַדינגונגען פון די דײַטשישע בעסטיעס איז עפּעס אַן אויסטערלישס, אַ מערקווירדיקס און עס גילטן נישט דערויף קיין שום „נאָרמאַלע", „געזעצלעכע" ליטעראַטור־פֿאַרמעסטן — אַז צו אָט־דעם שאַפֿן מוז מיר צוגיין מיט גאָר אַנדערע מאָסן און וואָגן — דאָס זעען מיר אינעם אַר־

טיקל (קיצור פון אַ רעפֿעראַט) פון נחמן בלומענטאַל, וואָס ווערט פֿאַרעפֿנטלעכט אין הײַנטיקן נומער „ייִדישע קולטור". ס'איז אַ פּרואוו צו כאַראַקטעריזירן אַט־די ספּעציפֿישן מענטשלעכן שאַפֿן אין די סאַמע־ווילדסטע אוממענטשלעכע מאָרדיקע באַדינגונגען.

די צאָל אומגעקומענע, דערמאָרדעטע, פֿאַרפּײַניקטע שרײַבער פון מזרח־אייראָפּע איז פֿיל גרעסער, מיר האָבן זיך אין די שווערסטע צײַטן פֿאַרגעשטעלט, אָבער דאָך האָט אַ קלענערע צאָל זיך אַרויסגעראַטעוועט מיטן לעבן.

אונדזער פּויליש־ייִדישער קינסטלערישער פֿאַרמעגן איז איצט אַ מוראדיק־קלײנער און באַגרענעצטער, עס איז אין דער טראַגישער פּראָפּאָרץ מיטן אומגליקלעכן שארית־הפליטה פונעם פּוילישן ייִדנטום.

צו דער צאָל פֿאַרבליבענע ייִדישע שרײַבער, דיכטער און פּראָזאַאיקער, דאַרף מען צורעכענען די ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן באַוויזן באַצײַטנס צו עוואַקואירן זיך אין ראַטנפֿאַרבאַנד, און אַזוי־אַרום האָבן זיי אויסגעמיטן דעם פֿאַטאַלן גורל פון זייערע קאָלעגן אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, פֿראַנקרײַך א.אַז.וו. אין „ייִדישע קולטור" איז אונדז בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן אויסגעקומען צו שרײַבן און צו אינפֿאָרמירן וועגן זייער לעבן און שאַפֿן. אייניקע פון זיי זײַנען ווי אײַנגעגלידערט אין דער שרײַבער־משפּחה פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, זיי זײַנען אין פֿאַרשיידענע צײַטן אַפֿילו מיטגעריסן געוואָרן פון די אַלגעמיינע איבערלעבענישן פונעם סאָוועטיש־ייִדישן שאַפֿער, אָבער אין חוץ גייען זיי דאָך אויף זייערע אייגענע שאַפֿונגס־וועגן. די אייגן און טייער דאָס נײַע היימלאַנד איז נישט פֿאַר די הערן זיי נישט אויף צו באַוויינען און באַקלאָגן זייערע אַמאָליקע ישובים, אַזוי זײַנען די סאַמע אויסגעשפּראָכנסטע דיכטער, וואָס לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ווי חיים גראַדע, רחל קאָרן, בונעם העלער א.אַ. שאַפֿונגען פֿון די איבעריקע ייִדיש־פּוילישע דיכטער טרעפֿן מיר זעלטענער אין די סאָוועטיש־ייִדישע אויסגאַבעס.

נאָענט צום צושטאַנד פון די ייִדישע דיכטער פון פּוילן און צו זייערע שטימונגען זײַנען די אייניקע דיכטער, שרײַבער, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין אַמעריקע, אָבער וואָס פֿילן זיך נאָך אַלץ ווי גלידער פון דער ייִדיש־פּוילישער קינסטלערישער משפּחה, קינדער פונעם פּוילישן ייִדנטום. אַזוי זײַנען קאַדיע מאָלאָדאָווסקי און נאָך מער — אהרן צייטלין, רײַסן אייגענע וואונדן, און רײַסן קברים. און נאָך צו זיי לויטן געמיט־צושטאַנד איז ז. סעגאַלאָוויטש מיט זײַנע ייִדיש־פּוילישע מאָטיוון. אַהער געהערט אויך מיט זײַן וויפֿילן דיכטערישן שאַפֿן דער ייִדיש־פּוילישער דיכטער משה שולשטיין, וואָס איז על פּי נס געבליבן לעבן אין פֿראַנקרײַך, פּאַריז. — בכלל איז דער פֿאַרבליבענער פּאַריזער ייִדישער ישוב אײַנגענומען אַ שטיק נס, און די ערשטע גרוסן און אָנגעבעס, וואָס דערגייען צו אונדז פון דאָרטן ריידן פון זייער מוט, מיט זייער נײַעם פֿאַרמעסט צו שאַפֿן

בויען מיט ברייטע פלענער פון פאַראייניקטע כוחות. הלואי זאָל ער נאָר לאַנג אָנהאַלטן, הלואי זאָלן נישט דערגרייכן אַהין די היגע פאַרניכטנדיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע באַצילן...

גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל און זייער אַן אינטערעסאַנטס איז די באַטייליקונג פונעם סאָוועטיש־יידישן שרייבער אינעם וועלט־קריג. דער סאָוועטיש־יידישער קינסטלער איז געוואָרן גלייך אַ שלאַכטמאַן און האָט טאַקע פאַרביטן, אָן מליצות, זיין פעדער אויף אַ ביקס, אָדער אָנגעשאַרפט זיין פעדער ווי אַ שווערד. וועגן דעם איז שוין גענוג וואוילבאַקאַנט. נומער־איין נומער־אויס פון אונדזער „יידישע קולטור" האָט געבראַכט די הייסע שלאַכט־לידער, די קעמפערישע געזאַנגען פון די סאָוועטיש־יידישע דיכטער, ווי אויך פאַרשיידענע אָפּהאַנדלונגען און שילדערונגען, כאַראַקטעריסטיקעס און פאַרצייכענונגען, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די יידיש־סאָוועטישע שרייבער אין זייער ראָלע ווי רויט־אַרמייער, אין זייער ראָלע ווי באַגייסטערער פון די מסירת־נפשדיקע קאַמפן פאַרן פאָטערלאַנד. עס זיינען אויך שאַרף באַטאָנט געוואָרן די נייע טענדענצן און מאָטיוון, וואָס האָבן באַהערשט דעם סאָוועטיש־יידישן שרייבער, צוליבן גרויסן יידישן פאָלקס־אומגליק. אין דעם אַרטיקל פון מ. נאָטאָוויטש, „יידישע סאָוועטישע שרייבער פון דער רויטער אַרמיי" (פאַרעפנטלעכט אין לעצטן נומער „יידישע קולטור") ווערט בקיצור איבערגעגעבן ווי די יידישע קינסטלער האָבן רעאַגירט אויף דעם קריג, און עס ווערט אויך אויסגערעכנט די צאָל אומגעקומענע און פאַרשניטענע יידישע שרייבער. אין פאַרגלייך, אין פּראָפּאָרץ מיט די פאַרלוסטן פון די קינסטלער פון אַנדערע סאָוועטישע פעלקער איז די צאָל יידישע פאַרלוסטן אָן אַן ערך גרעסער, — אויב נישט דריי אָדער פיר מאָל מערער. ווי די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז נישט אַ פולער, גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין די ליטעראַטורן פון די אַלע סאָוועטישע פעלקערשאַפטן און ווי עס זיינען נישט געמיינזאַם און ענלעך אין תוך די טענדענצן און שטימונגען, פּראָבלעמען און טרוימען פון דעם יידישן שאַפן מיטן שאַפן פון די אַלע סאָוועטישע פעלקערשאַפטן, האָט אָבער דער איצטיקער קריג און זיין קאַטאַסטראָפאַלע ווירקונג אויפן אַלגעמיינעם יידישן לעבן פונעם יידישן פאָלק, געמוזט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַנדערש זיך אָפּרופן אויף די שאַפונגען פון די באַדייטנדיקע סאָוועטיש־יידישע קינסטלער און אויף דער שטימונג פון די דאָרטיקע יידישע שרייבער. וואָס דער בראָך איז גרעסער, מוז דער אויסברוך זיין אויך באַדייטפולער און מוראדיקער. די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז גלייך פון אָנהייב אַריינגעצויגן געוואָרן אין די שלאַכטן פאַר פאָטערלאַנד אין פולן זינען פונעם וואָרט. צום ערשטן מאָל, זינט פיל דורות און תקופות, איז די יידישע ליטעראַטור געוואָרן אַ דורכאויס־קריגערישע און די שאַפונגען זיינען געווען עכט־באַטאַליסטישע. ס'איז געווען אַ פולע מאָביליזאַציע פון די יידישע קינסטלער און זייערע שאַפונגען.

און די מאָביליזאַציע איז געווען אַ יחידישע און אַ קאָלעקטיווע. קיינער איז נישט געבליבן אויסן. דער דערמאָנטער מ. נאָטאָוויטש ברענגט אַ וואָרט, געשריבן דורכן יידישן ליטעראַטור־פאָרשער מאיר ווינער אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה: „פאַר יעדן מענטשן באַזונדער איז איצט דער הייליקסטער חוב צו דיסציפּלינירן די גאַנצע ענערגיע אין זיין אייגענער נשמה, צונויפזאַמלען דאָס בעסטע, דאָס איידלסטע, דערהויבנסטע אין זיין געמיט, צונויפזאַמלען עס ווי אין אַ פויסט, צונויפזאַמלען דאָס אין שטאַנדהאַפטיקן קאַמפמוט, אין מסירת־נפש... ניטאָ קיין שענערע זאַך ווי צו קעמפן פאַר אונדזער פאָטערלאַנד! ניטאָ קיין מער טייערע זאַך אויף אַוועקצוגעבן דערפאַר דאָס לייב און לעבן!" ווי מ. נאָטאָוויטש גיט איבער, האָבן זיך באַטייליקט אין „דער גרויסער און הייליקער פאָטערלענדישער מלחמה איבער זעכציק יידישע שרייבער. ביי דרייסיק יידישע שרייבער האָבן זייערע לעבנס אָפּגעגעבן אין שלאַכט." אַזוי מוראדיק גרויס איז די צאָל אומגעקומענע יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד!

די קריגס־שאַפונגען פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור זיינען פון אַ פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער, און ס'איז אַן ענין פאַר אַ ספּעציעלער גרופּע ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער סיסטעמאַטיזירן דעם גאַנצן רייכן, אין כמות און אין איכות, מאַטעריאַל, קלאַסיפיצירן אים און אַרויסברענגען די וויכטיקסטע עלעמענטן און שטריכן פון דעם אַלעם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די עטלעכע דורות יידישע שרייבער פון די עלטערע — דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, ביז די סאַמע יונגע און יינגסטע, די 20־22־יאָריקע יידישע דיכטער און פּראָזאַאיקער. — די דריי וויכטיקסטע זאַמלביכער, וואָס זיינען דערשינען אין לויף פון די 5 יאָר — „אין שלאַכט", „היימלאַנד", „צום זיג", האָבן, דורך די 50־60 יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט, געבראַכט צום אויסדרוק די הויכע, שטאַרקע פּאַטריאָטישע געפילן צום פאָטערלאַנד, דעם טיפן האַס, די פאַראַכטונג צו דער דייטשישער בעסטיע, צום פאַשיסטישן מערדערישן פאָלק, און גלייכצייטיק אויך געמוטיקט, געמונטערט און געוועקט באַגייסטערונג און גלויבן אינעם ענדגילטיקן זיג איבער די אויסוואורפן־איבערפאַלער. אָט־דער געוואַלדיק־רייכער קריגס־שטאָף איז נאָך אויך ווייט נישט אויפגעקליבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָבער שוין פון די ווערק, קלענערע און גרעסערע, פון די פאַרשיידנסטע סאָוועטיש־יידישע קינסטלער, וואָס זיינען צו אונדז ביז־אַהער דערגאַנגען, זעען מיר, אַז מיר האָבן באַזונדערס פּרעכטיקע, אינטערעסאַנטע און טיף־יידישע שאַפונגען, וואָס האָבן געגעבן די וועלט־מלחמה אין זייערע שאַפונגען מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער קראַפט און שטייגער.

**ווי האָט דער צווייטער וועלט־קריג זיך אָפּגערופן אויף דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע? ווי האָבן די היגע יידישע קינסטלער רעאַגירט אויף די קריגס־גרויזאַמקייטן? וועגן דעם — אַ צווייטן מאָל.**

יידיש זיינען אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע נישט דערשינען. עס זיינען נאָר געדרוקט געוואָרן לוחות, די „געטאָ־צייטונג" אין לאָדזש, 1941, און עס איז אויך געמאַכט געוואָרן דער פּרוּוו אַרויסצוגעבן אַ יידיש לערן־ביכל פאַרן ערשטן קלאַס, איינצעלנע בלעטלעך פון ביכל זיינען צו אונדז דערגאַנגען, אָבער דאָס ביכל, אַלס גאַנצעס, איז וואָרשיינלעך בכלל נישט דערשינען. דאָס איז לאָדזש. אין וואַרשע איז דערשינען נאָך זשאַבאָטינסקיס טויט אַ הספד נאָך אים אין דער פאָרם פון אַ געדרוקטער בראָשור, און דאָס איז גאָר.

איך רעכן אָהער ניט אַריין די ליטאָגראַפישע אויסגאַבעס, פון וועלכע ס'איז אָבער שוין כדאי צו דערמאָנען: די וואָכן־צייטונג „ידיעות" און מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דרור" (ביידע אין וואַרשע). אין פאַרלאַג „דרור" איז אויך דערשינען (1941) י. קאַצענעלזאָנס ביבלישע דראַמע „איוב" און אַן אַנטאָלאָגיע „פּיין און גבורה". לעת־עתה זיינען די דאָזיקע אויסגאַבעס ניט אָפּגעזוכט געוואָרן.

דאָס, וואָס מיר וויסן וועגן דער דאָזיקער ליטעראַטור, באַגרענעצט זיך צו דעם, וואָס אונדז איז געלונגען אָנצוזאַמלען, און געלונגען איז אונדז אין דעם פּרט זייער ווייניק: קודם־כל צוליב אונדזער שולד אַליין, מיר האָבן זיך צו־ווייניק מיט דעם אָפּגעגעבן; צווייטנס, איז פאַראַן אַ ביטול־באַציאונג צו דער פראַגע פון אונדזער געזעלשאַפט בכלל. גייט פרעגט אַ יידן, וואָס האָט דורכגעמאַכט די שבעה מדורי גיהנום און קוים מיט נסים אַרויס אַ לעבעדיקער, צי געדענקט ער נישט אַ לידל, וואָס מ'האָט געזונגען אין אַ טרעבלינקע, צי אַ מאַידאַנעק!

אין וואָס פאַרא פאַרהעלטעניש איז דאָס, וואָס איז איבערגעבליבן, צו דעם, וואָס איז פאַקטיש געשאַפן געוואָרן? כ'מיין, אַז מ'דאַרף אָננעמען די זעלבע פּראָפּאָרציע וואָס איז נוגע די לעבן־געבליבענע יידן, ווייל אויב מיר האָבן פאַקטן, וואָס ווערק זיינען צו אונדז דערגאַנגען און זייערע מחברים לעבן נישט, האָבן מיר נישט ווייניקער פאַקטן, וואָס די מחברים האָבן זיך געראַטעוועט, און זייערע ווערק זיינען פאַרלוירן געגאַנגען. בדרך כלל: דער מענטש איז מער באַוועגלעך, ער קאָן זיך שיצן, דאָס ווערק איז מער שוצלאָז...

פון אַלע זייטן הערט מען, פאַראַן אויך שריפטלעכע ידיעות וועגן דעם, אַז עס האָבן עקזיסטירט אַ גאַנצע ריי ווערק, באַקאַנטע און אינגאַנצן אומבאַקאַנטע שרייבער האָבן אָנגעשריבן, ווי ס'גיבן איבער עדות, זייער אינטערעסאַנטע ווערק, טיילמאָל זיינען צו אונדז אפילו דערגאַנגען די נעמען פון די ווערק, אָבער די ווערק גופא זיינען אונדז געבליבן אומבאַקאַנט.

**ליטעראַרישע קריטעריעס.**

צי האָט די דאָזיקע ליטעראַרישע שאַפונג, וואָס איז רייך אין כמות, עפּעס אַ ליטעראַרישן ווערט? צי האַלטן זיי אויס, אין אַלגעמיין, אַ ליטעראַרישע קריטעריע? — איך וואָלט אויף דער פראַגע געענטפערט מיט אַן אַנדערער: צי קאָן מען בכלל צו די שאַפונגען צוגיין מיט די אַלע אַלטע ליטעראַטור־קריטעריעס? איך מיי... אַז טרעבלינקע, צי סאָביבאָר, זיינען נישט נאָר עפּיזאָ... פון קאַמף, אין אַ געוויסן צייט־אָפּשניט, מיט דער ד... אַקציע, פאַר מיר זיינען זיי עפּעס מער: זיי זיינען ... איין התגלות — זיי האָבן אַנטפּלעקט דעם מענטשן... זיי האָבן אויסגעטרייסלט די גאַנצע ביז איצטיקע בור... זשוואַזע ליטעראַטור, זיי האָבן אַן איינפלוס אויפן גאַנצ... גייסטיקן לעבן אונדזערן. זיי האָבן אויך דעריבער גע... ווירקט און געענדערט אונדזערע ליטעראַרישע אָפּשאַ... צונגען! — ריכטיק האָט אַ פראַנצויזישער שריפטשטע... לער באַמערקט, אַז דאַנטע האָט אייגנטלעך אין גיהנו... גאָרנישט ניט געזען! ווען איך וואָלט געוואָלט אָנווענ... די דייטש־פאַשיסטישע טערמינאָלאָגיע צו דאַנטעס גיהנום, וואָלט איך עס אָנגערופן „ערהאָלונגסהיים" (אין זייער ספּעציפישן זין): „ערהאָלונגסהיים פיר יודן"— און צי זעט נישט אויס היינט־צו־טאָג ביאַליקס „שחיטה־שטאָט" ווי אַ מין אידיליע פון אַמאָליקן גוטן לי... לעבן?!...

אויב ס'איז אמת, אַז קונסט איז נישט אַ זאַך פ... קלאָרן שכל, נאָר מער אַ געפילס־זאַך, אַז ביים אָפּשאַ... אַ קונסטווערק שפּילט אַ גרויסע ראָל דער געפילסט... פון קריטיקער־לייענער, אַז ביים אָפּשאַצן אַ קונסטווע... שפּילט אויך אַ ראָל דאָס, וואָס מיר וויסן וועגן מחבר־ זיין לעבן, אופן פון אַרבעט (מילטאָן—בלינד, אָסטראָ... סקי — פּאַראַליזירט), איז דער געפילסטאָן און עמ... ציאָנעלע ענערגיע פון אַ ליד, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער, אַזוי גרויס, אַז ער פאַרדעקט אַלץ איבעריקע, און דאָס ווערק קאָן זיך אונדז אויס... ווייזן ווי דאָס שענסטע אין דער וועלט! מאַידאַנעק און טרעבלינקע פּאַטראָניזירן די דאָזיקע ליטעראַטור. ... קעגן זיי מוז אַלץ בלייך ווערן!

**די גענעזע פון דער ליטעראַטור.**

עס איז באַקאַנט, אַז אין דער צייט האָבן געשריבן נישט נאָר שרייבער, מענטשן, וואָס האָבן באַטראַכט זייער פּראָפעסיע דאָס שרייבן, נייערט אויך גאַנץ פּשוטע מענטשן. ס'איז אַנטשטאַנען עפּעס אַ מין עפּידעמיע אין שרייבן — געשריבן האָבן מענטשן, וואָס זיינען יאָ גו... ווען באַקאַנט מיט הלכות אָרטאָגראַפיע, געשריבן האָ... האַלב און אפילו גאַנצע אַנאַלפאַבעטן, די לעצטע האָבן ד... פאַרשטייט זיך, אימפּראָוויזירט! געשריבן האָבן אַ... שיכטן: סיי אַלט, סיי יונג, סיי גרויס, סיי קליין — אַ... למשל, שרייבט אַן אומבאַקאַנטער רעצענזענט וועג... לאָדזשער פאַבריקאַנט מיטן נאָמען זילבערשטיין, ... עלטערן יידן, אַ גערער חסיד, וואָס פלעגט אויפשט... ביינאַכט, צו גרויס פאַרוואונדערונג פון זיין פרוי ... קינדער, און שרייבן געדיכטן אין יידיש. פון אַנה... האָט ער געשריבן נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף ד... פאָרם, צוביסלעך האָט ער זיך אויך באַקענט מיט פּראָבלעמען פון גראַם און ריטם און געשטרעבט צ... אַ ליטעראַרישן אויסדרוק פון זיינע איבערלעבונג... דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן אַן גאָט און אַן רבין. ... אַזעלכע פאַקטן קאָן מען אָנציילן אין די טויזנטער...

שרייבט, דווקא אינטערעסאַנטע ליטעראַטור, דער בעקער־מייסטער הילער, זייער אינטערעסאַנטע איבערלעבענישן—דער שוסטער קאַמאַשניק טשעכאָוויטש, דער שלאָסער פּאָגעלמאַן (לידער און זכרונות). מ׳קאָן זאָגן, אַז יעדער איינער, וואָס האָט נאָר די פיזישע מעגלעכקייט געהאַט דערצו, האָט געשריבן, געשאַפן ליטעראַטור.

פון וואַנען נעמט זיך דאָס ?

כ׳מיין, אַז די הויפּט־סיבה וועט זיין דער דראַנג איבערצולאָזן אַ זכר נאָך זיך. די מאַסע האָט געפילט, אַז זי גייט אונטער, אַז עס דראָט, דאָס די וועלט זאָל אפילו נישט וויסן וועגן דעם, ווי אַזוי זיי זיינען אויסגעריסן געוואָרן. מ׳דערציילט וועגן צענדליקער פאַלן, ווען אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן, האָבן די קרבנות געשריען: „יידן, נעמט נקמה!“ אַ קאָוונער ייד האָט מיט די לעצטע ביסלעך כוחות אָנגעשריבן אויף דער וואַנט פון הויז, וואו מ׳האָט אים געשאָכטן, מיטן אייגענעם בלוט, דאָס וואָרט „נקמה“. — אַזאַ מין אַ נקמה־רוף איז די אָקופּאַציע־ליטעראַטור! דער דאָזיקער מאָטיוו ווערט איבערגעחזרט דורך די מחברים אַליין אין פאַרשיידענע אופנים. —

מיר האָבן אָבער דאָ אויך צו טאָן מיט אַ דערשיינונג, וואָס איז פיל וויכטיקער, אַ דערשיינונג, וואָס דערוואַקסט צו אַ מין קאָסמישער גרויסקייט — מיר האָבן דאָ פאַר זיך דעם מקור פון פּאָעזיע בכלל — די גרויסע, איבערמענטשלעכע איבערלעבענישן האָבן אַרויסגעיאָגט דעם מענטשן פון טאָג־טעגלעכן לעבן — ער איז איבערגעוואקסן די קליינלעכע טאָג־פּראָבלעמען, די גרויסע געפיל־קוואַלן, וואָס האָבן זיך אין אים אָנגעזאַמלט, האָבן נישט געקאָנט בלייבן שטיל. זיי האָבן פון אים געשפּאַרט, געריסן זיך, און נישט געפינענדיק קיין אַנדערן אויסוועג אויף אויסצופאָרמען זיך, האָבן זיי אָנגענומען די פאָרם פון שטילן, רואיקן שפּראַך־אויסדרוק...

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אור־דערשיינונג פון פּאָעזיע, — דעריבער האָט זיך דאָ דאָס וואָרט ענג פאַרפלאָכטן מיט מעלאָדיע און טיילמאָל אפילו מיט טאַנץ. אונטערן איינדרוק פון דער גוטער בשורה, אַז די רויטע אַרמיי איז שוין גאָר, גאָר נאָענט, צעטאַנצט זיך אינמיטן וואַלד, וואו זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן, די פולשטענדיק נישט געלערנטע וויסבראַט און זינגט אַ ליד, איר אייגנס אַ ליד, אַ ליד — אַן אימפּראָוויזאַציע, אַ לויב־געזאַנג פאַר סטאַלינען. — דער דאָזיקער פאַקט איז נישט פאַראיינצלט. אַזוי זיינען איינגעקומען ס׳רוב באַפרייאונגס־לידער! — צי קאָן מען צו אַזעלכע דערשיינונגען צוגיין מיט אונדזערע אָפּגעשטאַנענע, „מאָדערנע“ באַגריפן וועגן ליטעראַטור, גראַפאָמאַניע א.אַ.וו. ? מיר האָבן פאַר זיך אַ שטיק נאַטור־דערשיינונג — און אָפּשאַצן זי מיט באַגריפן פון מענטשלעכער געמאַכטער „קונסט“ — הייסט נישט פאַרשטיין זי...

דאָס געזאָגטע איז נישט חל, פאַרשטייט זיך, אויף דער גאַנצער ליטעראַטור — זי נעמט אַרום די אימ־

פולסיווע שאַפונג פון פשוטן מענטשן. עס געהערן נישט אַהער די אויסגעקליגלטע — רייכע אַפּאָלאָגעטיק־„ליטעראַטור“, די „הויף“־ליטעראַטור פון לאָדזשער געטאָ, — די אַזוי צו זאָגן, אָפיציעלע ליטעראַטור.

פאַראַן אָבער אויך אַנדערע סיבות פון גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער.

די גרויסע עוולה, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, דער פאַרברעכן, האָט גערופן צו פּראָטעסט. עס אַנטשטייט אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. דער מענטש פּראָטעסטירט אין זיינע ווערק — ער פּראָטעסטירט קעגן היטלעריסטישן רעזשים, ער פּראָטעסטירט אויך קעגן זיינע מיטהעלפער אויף דער יידישער און נישט־יידישער גאַס...

עס ווילט זיך נעמען נקמה, נישטאָ אָבער דערצו קיין שום מעגלעכקייטן, פאַרשפּאַרט אין אַ בונקער, מורא האָבנדיק אַרויסצולאָזן אַ העכער קול, זינגען פונדעסטוועגן די קינדער, ביי אַ מיטפילנדיקער גענוגטואונג פון די עלטערע, אַ ליד אויף זייער יודן־עלטעסטן, וואָס האָט לויט זייער מיינונג דערפירט צו דער אַקציע... „אָסקאַר דער בערלינער האָט פערציק אָרדנונגס־דינער“... יעדע שטאָט זינגט וועגן איר טרויעריק־באַרימטן העלד. אָט אַזוי הייבט זיך אָן דער פּראָטעסט, וואָס גייט דערנאָך איבער אין אַ ריי פאַלן צו קאַמפס־מעטאָדן...

דער דאָזיקער פּראָטעסט־גייסט, דער ווילן צו שטעמפּלען געוויסע פערזאָנען און דערשיינונגען, ברענגט דערצו, אַז אין אַ ריי אַזעלכע לידער געפינען מיר גענוי אָנגאַבן וועגן טאָג און צייט פון די געשעענישן, די צאָל הרוגים, די נעמען פון די מערדער א.אַ.וו. אַן אומדערשעצלעכער קוואַל פאַר דער געשיכטע פון ־ער צייט...

אָבער אין דעם פאַל שטויסן מיר זיך שוין אָן אין אַן אַנדער פּראָבלעם...

## כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור.

היטלעריזם — ווי אַ רעאַקציע־כוואַליע — ווערט כאַראַקטעריזירט ווי אַ צוריקקער צום פינצטערן מיטלאַלטער. מיר קאָנען דאָס באַווייזן אויפן געביט פון געזעצגעבונג,ווירטשאַפטלעכן לעבן א.אַ.וו. די דאָזיקע מיינונג דאַרף אָבער אויך פאַרברייטערט ווערן אויפן געביט פון וויסנשאַפט, ליטעראַטור א.אַ.וו.

געוויסע פּראָבלעמען פון דער היטלעריסטישער וויסנשאַפט וועלן פאַר אונדז קלאָר ווערן, ווען מיר וועלן זיי פאַרזעצן אין דער צייט, צו וועלכער זיי געהערן לויט זייער מהות, צום אַלטן גערמאַנישן מיטלאַלטער. געזעץ פון קוקווינקל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פון פאַר און נאָך היטלעריזם זיינען זיי אַן אויסטערלישע, אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונג.

דער צוריקקער צום מיטלאַלטער האָט זיך אָבער אָפּגערופן נישט נאָר אויף די דייטשישע לעבנספאָרמען. עס האָט אָנגעוואָרפן אירע פאָרמען אויף די אַלע פעלקער, וואָס זיינען אונטערטעניק געוואָרן דורכן היטלע־

ריזם — צווישן זיי אויך — אין ערשטער ריי — די יידן...

דאָס פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע געטאָ האָט אָבער אויך אַרויסגערופן אַ ריי מיטלאַרטערלעכע דער־שיינונגען אויף אַנדערע געביטן... צווישן אַנדערן אויך אויפן ליטעראַרישן...

עס מוז דאָ געזאָגט ווערן, געוויסע פּראָבלעמען פון טיפן מיטלאַלטער, וועלכע זיינען געווען פאַר אונדז ווייטע, גאָר ווייטע — זיינען פּלוצים, אַ דאַנק דעם היטלעריזם, געוואָרן אונדז גאָר נאָענט. פּראָבלעמען, וועלכע מ׳האָט נישט ריכטיק דערזען און דערשאַצט, זיינען אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זיינען אומדערוואַרט איבערגערוקט געוואָרן אין דער צייט, געוואָרן אונדז נעענטער און פאַרשטענדלעכער. זיי קאָנען איצט גענוי אויסגעפאָרשט ווערן — בשעת פריער זיינען זיי — אַ דאַנק זייער ווייטקייט, אַלטקייט, — נישט געווען צום אָפּשאַצן...

דאָס איז אויך שייך צו די פאָרמען פון ליטעראַ־רישן שאַפן אין דער אָקופּאַציע־צייט ביי אונ־ז יידן...

קודם־כל: די ליטעראַטור דערגייט צום עולם אין דער גערעדטער שפּראַך: עס שאַפן זיך „קלייזלעך", וואו ס׳ווערן פאַרגעלייענט די נייסטע שאַפונגען אפילו פון „גרויסע" שרייבער (לאָדזש, וואַרשע — עפנטלעכע קוואַלן) מיט דיכטעריש־אַרטיסטישע אַרויסטרעטונגען. פון דער צווייטער זייט אָוונטן אָרגאַניזירטע (למשל, די הויז־קאָמיטעטן). דאָס איז פאַר דער אינטעליגענץ; פאַרן פּראָסטן עולם איז דאָ דער שפּילמאַן — דער פאָלקס־זינגער. דער — ווי ער ווערט אָנגערופן אין לאָדזשער געטאָ: גאַסן־זינגער. די מסורה גיט איבער אַ גאַנצע ריי נעמען פון אַזעלכע זינגער: (לייבל, אהרן, מלך פון לאָדזש און דער לעבן־געבליבענער יעקב הערשקאָוויטש). יעדע שטאָט גיט איבער וועגן אירע גאַסן־זינגער, רופט אָן נעמען. טיילמאָל אָבער געדענקט מען שוין זייערע נעמען אפילו נישט. מ׳געדענקט נאָר דעם איינדרוק, וואָס די לידער־אימפּראָוויזאַציעס האָבן איבערגעלאָזט, — און דער איינדרוק איז געווען אַ קאָ־לאָסאַלער! מענטשן האָבן אַזאַ דיכטער אַרומגערינגלט אין גאַס — ער שטעלט זיך אַוועק אויף אַ קאַסטן, צי פעסל. און דרשנט — און דער עולם גיסט טייכן טרערן, ווען ער זינגט אַ ווייגענדיקס — אָדער קייכט פון גע־לעכטער, ווען ער שטעלט צום צעטל די געטאָ־גדולים („וואָס וועלן די שישקעס טאָן נאָך דער מלחמה?"), אָדער היטלערס אַ חלום א.אַ.וו. עס שרייבט וועגן דעם דאָזיקן פאַקט אין זיין בריוו פון 10־טן פעברואַר 1942 דער דיכטער ש. שאַיעוויטש (לאָדזש):

„ווי כ׳האָב איך שוין אַמאָל געזאָגט, איז נישאָ קיין אַנדער עצה, ווי נאָכצוטאָן די אַמאָליקע טרובאַדורן, מינעזינגער און אונדזערע יידישע בראָדער־זינגער, אַרויסטראָגן אַליין דאָס אייגענע ליד, ווערן די דרשנים, וואָס גייען צום פאָלק מיט זייערע דרשות. ס׳איז נאָר בלויז דער ווייטיק, וואָס דאָס פאָלק — און מיר בתוכם — האָבן פיל בילכערע דאגות..."

אָבער דער זעלבער שפּילמאַן — פּונקט ווי אין מיטלאַלטער — האָט אָבער נאָך אַ פונקציע: ער איז נישט נאָר דער זינגער פון שיינעם, — ער דערפילט אויך אַ סאָציאַלע פונקציע. זיין אויפגאַבע איז צו אינ־פאָרמירן, סיגנאַליזירן דעם עולם, איבערגעבן די לעצ־טע נייס, — אַ מין לעבעדיקע צייטונג.

נאָך יעדער נייער פאַראָרדנונג פון דער מאַכט, נאָך יעדער שאַנדטאַט פון אַ יודנראַט, נאָך יעדער וויכטיקער געשעעניש — אַנטשטייט אַ ליד, אַ פּאַראָדיע, אַ סצענע, אַ וויץ, אַ ווערטל — די גאַס רעאַגירט גיך און שאַרף — אומברחמנותדיק! צווישן אָט־די צוויי פּאָליוסן — שוועבט די יידישע ליטעראַטור — דערהויפּט די פאָלקס־ליטעראַטור — אין דער צייט פון געטאָ. פון איין זייט דאָס שטרעבן צו פאַראייביקן די שרעקלעכע גוואַלטטאַט אין דער וועלט, איבערגעבן דאָס אומפאַרגעס־לעכע לדורות — פון דער צווייטער זייט — אויפכאַפּן דאָס טאָג־טעגלעכע, דאָס פאַרבייגייענדיקע, נישט איין־מאָל דאָס קאָמישע אין דעם גרויסן וועלט־געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס. —

אַרויסגייענדיק פון קוקווינקל פון מיטלאַלטער וועלן מיר אויך פאַרשטיין די ספּעציעלע ליטעראַטור פאָרמען פון דער צייט. —

די ליטעראַטור איז דער עיקר — אַ גערעדטע, — און פּאָעזיע איז לייכטער צו פאַרגעדענקען און צו ר[...] ציטירן — דעריבער דער איבערגעוויכט פון פּאָעזיע־ווערק, וואָס זיינען לויט אונדזער אָפּשאַצונג — לויט אונדזער מהות — פּראָזאַאישע, ווערן געשריבן אין פערזן — למשל, אַ לאַנגע, געגראַמטע כראָניק פון [...] אומבאַקאַנטן „דיכטער" וועגן דער „מאָביליזאַציע [...] 1־טן ווזשעשיען" (לאָדזש). אַ טיפּיש־מיטלאַלטערלעך ווערק. דאָס זעלבע פּאַגעלמאַנס דודס (וואַרשע) פּאָעזיע „ווישעדליענע", „פּאָוויאַק" א.אַ.וו. וואָס מער חידוש: אפילו דער גראַם, דער סטיל קלינגט פאָלקסטימלעך מיטלאַלטערלעך — הגם די מענטשן — פאַרשטייט זיך — האָבן וועגן מיטלאַלטער גאָרנישט ניט געהערט.

אין אַ ליד (4־125) זינגט זיך „משה רבנו האָט [...] טון לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר", אָדער דער [...] פון ליד „פּאָוויאַק" (3־148) —

„וואָס ווייטער איז מיט מיינע חברים געשען,
דאָס קאָן איך נישט וויסן, ווייל איך האָב ניש[ט]
געזען.
יעדער איז זיך צעלאָפן אין פאַרשיידענע [...]
פּילייכט וועלן מיר זיך טרעפן אין בעס[ערע]
צייטן..."

וואָס זיינען די הויפּט־מאָטיוון פון דער ליטע־ראַטור?

איך וועל דאָ אָנצייכענען און נישט אַרומרעד[ן ...] טעמע.

1. קודם־כל וואַרפט זיך אין די אויגן — [...] דזער גרעסטער פאַרוואונדערונג, אַז דער [...] צי געדאַנק טרעפט זיך אין גאָר אַ קליינער צאָל [...] די לידער האָט געשאַפן אַן אונטערגייענדיק פאָלק [...]

די שווידערלעכסטע באַדינגונגען — און פונדעסטוועגן קלינגט גאַנץ בוילעט דער האָפערדיקער מאָטיוו: די גערעכטיקייט וועט זיגן! —

2. אַ צווייטער מאָמענט: אין די געשעענישן זעט דער דיכטער קודם־כל דאָס אכזריותדיקע, דאָס באַרבאַרישע, דאָס אוממענטשלעכע פאָלק, וואָס האָט זיך דערקייקלט ביז צום נידעריקסטן שטאַפּל פון חיהשקייט. קעגן אים איז געווענדט די ליטעראַטור: די ליטעראַטור, וואָס רופט צום קאַמף, נקמה. — דאקעגן געפינען מיר נישט דעם אַפּאָלאָגעטישן, דעם פאַרטיידיקונגס־מאָמענט. מיר געפינען נישט דעם געדאַנק, אַז די יידן האָבן עפּעס אַ שליחות, שטעלן מיט זיך פאָר עפּעס אַ וועלט־אַנשויאונג — אַ אידייע; די יידן לײדן, ווייל זיי זיינען יידן, אָבער אויפן באַגריף „ייד" שטעלט מען זיך נישט אָפּ.

3. מאָטיוו: טענות צו גאָט, וואָס ער לאָזט דערצו צו. „איכה־לידער", פון ליד „איכה, ווי אַזוי? פאַרוואָס שווייגסטו דעם גוי" (אין איין וואַריאַנט „אַך, ווי אַזוי שווייגסטו דעם גוי?" אפּנים דער מחבר האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס העבדייאישע „איכה"). אַ באַמערקונג: דאָס ליד ווערט געזונגען אין דער צווייטער העלפט 1942 אין די לאַגערן קאַמיאַנקאַ, באַרקי (טאַרנאָפּאָלער קרייז) און די לאַגעריסטן גיבן אָן אַלס מחבר אַ ייִנגל פון זאַלישטשיק, וואָס האָט דאָס ליד פאַרפאַסט טאַקע אין לאַגער. פון אַן אַרטיקל (אין „יידישער קולטור", ניו־יאָרק, נר. 5, 1942) פון בער גרין ווערן מיר אָבער געוואויר, אַז דאָס ליד איז אויפגעקומען אין בעסאַראַביע נאָך די פּעטלורא־פּאָגראָמען. דאָס ליד ווערט אָבער פּאָפּולער אין גאַנץ פוילן (אַ וואַריאַנט איז פאַראַן אויך פון ביאַליסטאָקער געגנט). דער מאָטיוו פון קאַמף מיט גאָט טרעפן מיר אויך אין דער נישט פאָלקס־ליטעראַטור.

4. אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור איז דער מאָטיוו פון קאַמף מיטן שונא, דאָס רופן צום ווידערשטאַנד. עס צייכענען זיך אין דעם פּרט אויס די יונגע ווילנער טרופּע (שמערקע קאטשערגינסקי, לייב ראָזנטאַל, הערש גליק). עס אַנטשטייען פאַרטיזאַנען־לידער א.אַ.וו.

5. אַ גאָר פאַרשפּרייטער מאָטיוו וואָלט איך אָנגערופן „מיין־היים"־מאָטיוו: („כ'האָב געהאַט אַמאָל אַ היים" — דער דאָזיקער ציטאַט זאָגט שוין עדות וועגן דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פון דער גאַטונג. מיט דעם מאָטיוו בינדט זיך דאָס געזעגענונגס־ליד; דער מחבר געזעגנט זיך אָפּ מיט זיינע בני־בית, נאָענטסטע (צו דער קאַטעגאָריע געהערט שאַיעוויטשעס פּאָעמע „לך לך", וואו ער געזעגנט זיך מיט זיין שטוב, זאכן, ספרים, טיש, בעט א.אַוו.). טיילמאָל געזעגנט זיך דער דיכטער מיט די שוין טויטע און איז זיך פאָר זיי מתנצל: שענקערס לידער, אַנטשטאַנענע אין טרעבלינקע:

„שלאָף מיין קינד, שלאָף,
נישט אין בעטעלע דיין,
נאָר אין בערגעלע אַש,
מיין קינד שלאָף איין.
דו האָסט ליב געהאַט
צו שלאָפן מיט דיין מאַמען,
צי ליגסטו כאָטש היינט
מיט איר צוזאַמען?"

אַ מאַקאַבריסטיש ליד!

6. אַן אַנדער נעבן־מאָטיוו, וואָס טרעפט זיך כמעט אין יעדער הקדמה, צי פּאָעטישע, צי פּראָזאַאישע ווערק, איז — דאָס קלאָגן זיך אויף מאַנגל פון אַנטשפּרעכנדיקע ווערטער אויף צו קאָנען אָפּמאָלן דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען! (דערויף קלאָגט מען זיך נישט נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור! איליאַ ערנבורג!)

ווי אויף אַ ביישפּיל פון אַ ליד פון דער צייט, וועל איך זיך דאָ אָפּשטעלן אַביסל בפּרטיות אויף דעם „טרעבלינקע־ליד" — באַקאַנט זיינען מיר פיר וואַריאַנטן (איינער אַ נישט־פּולער). — אויף דעם דאָזיקן ליד, און נישט נאָר אויף דעם ליד (איבעריקנס איז דאָס נוגע נישט נאָר ליטעראַטור, מיר קאָנען דאָס אויך פעסטשטעלן אין אַנדערע געביטן פון וויסנשאַפט) קאָנען מיר זען פאַרשיידענע דערשיינונגען, וועלכע זיינען נישט זעלטן: דערשיינונגען — וועלכע זיינען געבונדן דער עיקר מיט דער פאַרגאַנגענהייט — און דאַרפן צו זייער אַנטשטיין — אַ לענגערן צייט־אָפּשניט. אין דער קורצער אָקופּאַציע־צייט זיינען אָבער די געשעענישן געוואָרן קאָנדענסירטער, דער צייט־פאַרלויף פאַרגיכערט. דעריבער קאָנען מיר באַמערקן, אָבסערווירן, דערשיינונגען, וועלכע דאַרפן בדרך כלל — אויף זייער פאַרלויף אַ פּאָר מענטשן־דורות. אַנטשטאַנען איז עס וואַרשיינלעך אין וואַרשע (צווייטע העלפט 1942 ?) — ווערט גיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ פוילן (אַחוץ גאַליציען — גאַליציען האָט דער עיקר געהערט צום בעלזצער ווירקונגס־קרייז!) און באַקומט דעם פּראָווינציאַנעלן נוסח (צוויי וואַריאַנטן!) 1. וואַריאַנט: „דאָ הערט מען אַ בלאָקאַדע (אָנהויב) — (ווייטער) נישט ווייט דער אומשלאַג־פּלאַץ" — 2. וואַריאַנט, פּראָווינץ: „אין אַ קליין שטעטל, גאַנץ פרי פאַרטאָג" (אגב, אַ טיפּישער אָנהויב פון אַ ליד געווידמעט אַן אַקציע, צי אויסזידלונג). געמיינזאַם איז דאָס בילד פון קינד, וואָס פרעגט די מאַמען, פאַר וואָס זי לאָזט עס אַליין, „פאַרוואָס נישט צוזאַמען" — דאָס בילד פון יידישער פּאָליציי, וואָס זאָגט צו צוויי — צי דריי קילאָ ברויט פאַר די, וואָס פאָרן, — אין ביידע איז זיך דער מחבר באַוואוסט, וואָס מ'טוט אין טרעבלינקע מיט די אָנגעקומענע! — אין דער פּראָווינצער אויסגאַבע געפינען מיר אויך דעם נוסח: „שרייבן קאָן זיך נישט די פּעדער, ווי עס דרייען זיך די רעדער" — מ'קלאָגט זיך אויך אויף אונדזערע ברידער פון יענער זייט ים, וואָס ווייסן נישט וועגן דעם, וואָס ס'קומט פאָר דאָ. דער סוף:

„קוואַלן טרערן וועלן רינען,
אַז מ'וועט אַמאָל געפינען
דאָס גרעסטע קבר פון דער וועלט..."

טרייסט זיך דער מחבר! אַ נעבעכדיקע טרייסט!

# פאָלקסגייסט און שפּראַך *)

פון ד״ר א. א. ראָבאַק

עס איז מאָדנע וואָס אויף דער מטופלער סעריע אַרטיקלען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן „זשורנאַליסטישן זשאַרגאָן", זיינען געווען ווינציק אָפּרופן ביז עס איז געקומען צום אַרטיקל „וואָס איז דייטשמעריש?" הפּנים, אַז ביז אַהער האָבן די לייענערס מסכים געווען מיט מיר אויף אַלץ, באָר ווי עס איז געקומען צו קאָנקרעטע אָנווייזונגען האָבן זיך געיאַוועט מקשנים, וואָס ביי זיי בין איך פאַררעכנט פאַר אַ מין ווילדן מאָדערניסט, רחמנא לצלן, בנוגע יידיש, וואָס גייט אַרויס לתרבות רעה.

ריכטיקער פאָרמולירט: אויף דער עצם־זאַך, אַז מיר דאַרפן זיך באַפרייען פון דעם דייטשמעריש, איז הכל מודים, מער־ניט וואָס די ספּעציפישע אויסדרוקן, וואָס איך לייג פאָר, איז זיי ניט געפעלן, און דאָ באַווייזט זיך די מבינות פון דעם אָדער יענעם שרייבער, איינער געפינט ניט אין מיין אויסדרוק קיין „קלאַנג", אַן אַנדערער זוכט אַ „ריח" דאָרטן, אַ דריטער וויל „פאַרב", אָדער כאָטש אַ „טעם", אַזוי ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן מן פון הימל. אַ פערטן איז „פריקרע", למשל, מיין וואָרט „דערפאַרעניש" אָנשטאָט דעם דייטשמערישן דערפאַרונג. הכלל איך זע, אַז מען וועט נאָך מוזן געגנוג איינקנעלן מיטן עולם ביז וואַנען די שיטה יידיש־לשון וועט זיך ניט אָנקערן מיט שוטה.

די צרה מיט מיינע קריטיקערס איז, וואָס זייער צוגאַנג איז אַ סוביעקטיווער. עס פעלט זיי די מעטאָדיק. זיי זעען ניט, אַז איין הנחה רינט אַרויס פון דער אַנדערער, אַז וויבאַלד זיי נעמען אָן די כלל־הנחה, מוזן זיי אַרויסדרינגען פון דעם אַזעלכע און אַזעלכע פאָרעמס אָדער אויסדרוקן, מעגן זיי קלינגען אַביסל אויסטערליש.

וועל איך זיך טאַקע אונטערגאַרטלען און נעמען אויף זיך די עובדא קלאָר צו מאַכן דעם ענין: פריער דעם יסוד און דערנאָך פאַרענטפערן די פאַרשיידענע קשיות, וואָרים זאָל מען ניט מיינען, אַז איך האָב האָלט צו שאַפן נייע פאָרעמס און ווערטער גלאָט אין דער וועלט אַריין. עס גייט דאָ גיכער אין אַ אינעווייניקסטער סטיכיע פון יעטווידן שרייבער, וואָס איז אָפּגעהיט אין דער שפּראַך, און די דאָזיקע וכוחים זיינען פאָרגעקומען אין קומען נאָך איצטער אויך פאַר בנוגע אַנדערע שפּראַכן, אַביסל גרעסערע ווי יידיש. מען קאָן צום ענין ניט צוטרעטן מיט אַ לויטער־פּערזענלעכער באַציאונג, דהיינו, „דעם אויסדרוק האָב איך פיינט", „די פאָרעם האָט ניט קיין קלאַנג", „אין דעם געפין איך ניט קיין טעם". אַ וואָרט מעשה וואָרט האָט בלויז איין פונקציע. עס דאַרף זיין אַ קלאָרער סימבאָל פון אַ באַגריף אָדער געפיל. די וואוילקלינגעוודיקייט קומט אין באַטראַכט ערשט אין דער ליטעראַטור, למשל, ווען דער פּאָעט שטעלט צונויף די ווערטער אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן אַפּעלירן צום עסטעטישן חוש.

אָט האַלט איך, אַז „אויפמערקזאַם" איז דייטשמעריש, און אַ סימן, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק מיטן וואָרט איז וואָס פאַר מיר זיינען שוין געווען עטלעכע וואָס האָבן געזוכט אַ פּאַסיקן וואָרט דערפאַר, וואָס זאָל זיין אַ יידישלעכער. איז מיר איינגעפאַלן, אַז מען מוז ניט דווקא אָנפרעגן ביים דייטש וועגן דעם און אַז מען מל'ט עס אויף אויפמערק, ווי ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געטאָן, איז דאָס נאָך אַלץ ניט יידיש, אלא וואָדען, מען דאַרף פרעגן: וואָס האָבן אונדזערע אורעלטערן געזאָגט, ווען זיי האָבן געוואָלט איבערגעבן דעם באַגריף? צי האָבן זיי ניט געזאָגט „לייג צו קאָפּ", „הער מיט קאָפּ"? אויך דער באַגריף האָט אַ פּסיכאָלאָגישע באַרעכטיקונג, וואָרים דאָס לאַטייניש וואָרט „אַטטענדערע" הייסט טאַקע אויסשטרעקן דעם קאָפּ נעענטער צו דעם, וואָס מיר ווילן תופס זיין, ד.ה. „צולייגן דעם קאָפּ". דאָס יידישע וואָרט איז אייגנטלעך פּסיכאָלאָגיש פונדאַמענטאַלער פאַרן דייטשישן אויסדרוק „אויפמערקען". טאָ פרעג איך, איז פאַרוואָס „צוקאָפּיק" אָדער „צוקאָפּיקייט" אָן פאַרב און אָן קלאַנג? צי איז „קאָפּ" אַ מוזיקאַליש וואָרט, און מיטן „צו" ווערט עס אָן סיי דעם קלאַנג און סיי די פאַרב? און וואָס איז מיט אַזאַ וואָרט ווי „צעקאָפּיען" מיט די פּיס, און „קאָפּיקע", און פאַרוואָס איז דער ענגלישער אינפיניטיוו „טו קאָפּי" פאַרביק? און מאַלע וויפל אַזעלכע ווערטער? דוכט זיך, אַז אַץ און קוצץ זיינען אויך ניט אַזעלכע געוואַלדאָוונע פאַרביקע און מוזיקאַלישע ווערטער, פונדעסטוועגן, ניט נאָר האָט מען זיך מיט אַלעכע ווערטער ניט געוואָרפן, נאָר מיליאָנען יידן ברעכן זיך די ציין אויף זיי אַלע ימים נוראים. נאָר לאָמיר אויף אַ רגע אָננעמען, אַז אויפמערקזאַמקייט איז אַ קלינגעוודיקער וואָרט ווי צוקאָפּיקייט, איז, האָבן אפשר אַלמי און אַנדערע, וואָס ווילן זיך אַרויסהעלפן מיט דייטשישע ווערטער, געהערט פונעם ווערטל „בעסער צו פירן אַ קליין קרעמל מיט אייגן געלט, איידער אַ גרויסע קראָם מיט פרעמדע געלט".

צו דעם וועלן מיר זיך נאָך אומקערן, מחמת ס'איז אַ טעמע ביי אונדז, וואָס איז אַזוי גוט ווי ניט באַרירט געוואָרן. פריער לאָמיר אָבער באַטראַכטן כסדר א. אלמיס טעות אין דער „פ. א. ש." פון 22־טן יוני, וואו מיין קריטיקער שמועסט זיך דורך מיט אַ „צוויי־יאָריקן יידישן לייענער, וואָס די באָבע זיינע האָלט אים אין איין בייטן די ווינדעלעך, און דאָס 2־יעריקע יאַנקעלע זאָגט אים. „יאָ, ראָבאַק איז טאַקע אַן אויסגעצייכנטער פּסיכאָלאָג און פילאָלאָג, אָבער זיין זיכערע באַהויפּטונג, אַז ‚דייטשמעריש' איז אַ קאָמבינאַציע פון צוויי ווערטער, דייטש און מעריש האָט פונקט אַזאַ באַטרעף ווי די באַהויפּטונג... אַז דאָס וואָרט בריטיש איז אַ קאָמבינאַציע פון צוויי העברייאישע ווערטער ‚ברית איש'.

---

*) זע די פריערדיקע קאַפּיטלען פון דער סעריע אַרטיקלען אין „יידישע קולטור" 1944, די נ״נ 2, 4, 6-7, 8-9, 10, 12, און אין 1945, נ״נ 1, 2.

מיר רופן דעם גערמאַניזירטן יידיש, ,דייטשמעריש׳, ווייל עס איז ניט קיין דייטש. ס׳איז כלומרשט דייטש... ,מעריש׳ איז אַ חוזק־פאָרעם, ניט מער ס׳איז אַ פאָלקס־נוסח, פאַראָדיע.״

נו, מיט אַ 2־יעריקן, וואָס זיין באָבע האַלט אים אין איין בייטן די ווינדעלעך, פּאָלעמיזירט מען ניט. נאָר אַזוי ווי אַלמי ווייזט אויס צו זיין אונטער זיין השפּעה, איז כדאי צו באַמערקן, אַז ווען אַלמי וואָלט געווען ניט נאָר אַן אויסגעצייכנטער פּעליטאָניסט און אַ מושלם אין עטלעכע אַנדערע זשאַנרען, נאָר וואָלט געהאַט אַביסל מער סיסטעמאַטישע ידיעות איבער ענינים, וואָס ער שרייבט וועגן זיי, וואָלט ער געוואוסט, אַז זיין „וויסנשאַפטלעכער איינשטעל (אָדער ווי ער וואָלט געזאָגט מסתמא „אָריענטאַציע״) האָט אַ פּנים פון חוזק, און אַז עס איז באַשטימט, ווי איך האָב דערקלערט דאָס וואָרט „דייטשמעריש״, ווי אַ קאָמבינאַציע פון צוויי ווערטער, דייטש און מעריש״ (ד.ה. אַ נוסח דייטש, וואָס האָט אַן אונטערשלאַק פון דעם דיאַלעקט וואָס די יידן פון מערן אָדער מאָראַוויע, אַ פּראָווינץ פון טשעכאָסלאָוואַקיע, האָבן גערעדט).

איך וואָלט זיך געקאָנט פאַררופן אויף יודאַ יאָפען און אַנדערע יידישע פילאָלאָגן, אָבער אוודאי איז ער ניט מחויב צו גלויבן זיי מער ווי מיך, און ער קאָן אַלץ פרעגן „מי שמך?״, וועל איך ברענגען אַ ראיה, וואָס וועט דווקא זיין דערווייזעוודיקער לכל הפּחות פאַר די לייענערס פון „יידישע קולטור״.

אויב פריינט אַלמי וועט זיך מטריח זיין און אַריינקוקן אין אָסקאַר קראַוזס עסיי איבער אַלבערט שווייטצער, געדרוקט אין אוטיטץ׳ס „יאהרבוך דער כאַראַקטעראָלאָגיע״, 1926, 111/11, וועט ער דאָרטן געפינען אַזאַ מין זאַץ אויף דער לעצטער שורה פון זייט 325 און ביים אָנהויב פון זייט 326: „ער איז ניט דער ערשטער, דער בלינד־געוואָרענער דייטש־מעהרישער פּאָעט און דענקער, היראָנימוס לאָרם גייט—ווי שווייטצער א.אַ.וו. צי איז דאָ אויך „מעריש״ אַ חוזק־פאָרעם״, אַ פאָלקס־נוסח, פּאַראָדיע״, צי רעדט זיך דאָ וועגן אַ מערישן פּאָעט, וואָס שרייבט אויף דייטש, דאָס הייסט אַ קולטורעלע באַצייכענונג?

עס דערמאָנט מיך, אַז אַמאָל האָב איך פּרובירט געבן פאַרשטיין אַ יידישן איינבינדער, וואָס איז ניט קיין ידען אין די קליינע אותיעלעך, אַז די „באָבע־מעשה״ שטאַמט פון אַן איטאַליענישן נוסח, וואו דער הויפּט־כאַראַקטער האָט געהייסן בואָוואָ און אין דעם ענגלישן אָריגינאַל ביוויס, קוקט מיך דאָס געפּאַקט מענטשל אָן מיט איין אויגל און ווינקט הנאהדיק, ווי איינער רעדט „אַ שיינע באָבע־מעשה דערציילט איר מיר דאָ״. פאַרשטייט זיך, אַז מיין פאַרשוין איז געווען פּונקט אַזוי זיכער ווי אַלמי, אַז איך פּשטל דאָ אויס אַן ענין, וואָס איז אַזוי פּשוט און קלאָר ווי 2 מאָל 2 איז 4.

אָט צוליב דעם וואָס אַלמי שטעלט אויף זיך צופיל און פּרובירט ניט אויסגעפינען די פאַקטן, קאָן ער זיך פאַרגינען זאָגן, אַז דאָס דייטשישע „אונגעטבעהרליך״

אין ענגליש „אינדיספּענסעבל״, האָט ער ש
איבערגעזעצט אויף „אומפאַרבייטלעך״, הפ
כאַפּנדיק זיך, אַז די צוויי זיינען צוויי באַזונד
גריפן, און אויב מיין פאָרגעלייגטע פאָרעם
באַגיילעך״ קלינגט אים „קוידעריש״, איז דאָ
אָבער פּונקט צוגעפּאַסט צום באַגריף „אַ מענט
אַ זאַך, וואָס מען קאָן זיך ניט באַגיין אָן דע
„אומפאַרבייטלעך״ הייסט, אַז מען קאָן דאָס נ
בייטן אויף עפּעס אַנדערש. אָט, למשל, באַגיי
אינגאַנצן אָן רויכערן; דאָס הייסט ניט, אַז א
בייט רויכערן אויף עפּעס אַנדערש.

פאַר אַלמין און מאַנפרידן, נאָך אַ קריטיקער
וואָס צו אים וועלן מיר נאָך קומען, איז דאָס
„אומאויסבאַגיילעך״ אָדער אָנאויסבאַגיילען קו
דערפאַר וואָס זיי זיינען ניט געוואוינט צו דע
געדענקען אַלע ווי אַז מען האָט גענומען איינפ
נייעם אויסלייג מיט די ק׳ן אָנשטאָט ג׳ס און פאָ
פאָרעמס אָנשטאָט די דייטשישע שטומע אותיות
האָבן מיר זיך אַלע געקווענקלט. ס׳טייטש, נעמע
פירן אַזעלכע נייע פאַראָנדקעס! און נאָך היינט
פאַראַן געגנוג שפּראַכיקע סטאַטיסטן, וואָס ווע
שווערן ביי באָרד און פּאות, אַז אַזוי רעדט דאָס
ווער שמועסט שוין פון אַזעלכע פאָרעמס ווי „מאָ
„וואַהרשיינליך״, „אונטערברעכן״ — ווען מען הא
געהויבן זיי פאַרבייטן אויף מאָנטיק, מסתמא, א
שלאָגן, האָט ניט איין מבינות־זאָגער זיך געקרימ
די חדושים, אָבער דער פאָלקסגייסט האָט גובר
און ביסלעכווייז האָט דער געזונטער שפּראַך־אינס
אונטערגעזאָגט וואָס איז יידיש און וואָס איז פר
פרעמד איז ניט תמיד דאָס, וואָס מען האָט פריע
געזען אָדער געהערט, נאָר דאָס, וואָס פּאַסט זי
אַריין אין אַ געוויסן קולטורעלן באַנעם אָדער

איך וויל דאָ באַטאָנען, אַז איך בין ניט לה
שאַפן נייע אויסדרוקן אויף יידיש, אַז מיר אַלע
האָבן זיך דערווייטערט פון די „זאָנדערנס
״זעלבסטס״, „דאַרלייגנס״ און „פּאַסטס״, האָבן
אינזינען צו רייניקן דעם יידיש פון דעם פרעמד
מענט און צו געפינען דעם אויסדרוק, וואָס גראָ
מיטן פאָלקסגייסט. אייגנטלעך מעג מען דאָ
זאָגן, אַז מיר רעקאָנסטרואירן דעם אויסדרוק
אונדזערע אבות וואָלטן גערעדט, ווען זיי וואָלטן
געלעבט און באַדאַרפט אויסדריקן אַזעלכע בא

מאַנפרידן אין „יידישע קולטור״ (אויגוסט־סעפּ
בער) פרעגט, צי זאָגט דאָס פאָלק אומאויסב
און איך פרעג: צי זאָגט דאָס פאָלק אונגעט
אָדער אפילו אומענטבעהרלעך? אוודאי קאָן
„אומענטבערלעך״ געדרוקט, אָבער אין יידיש
גען און זשורנאַלן קאָנט איר געפינען אַלערליי
דיקע ווערטער, דייטשישע, ענגלישע, שפּאַניש
סישע — אַלץ אַזעלכע, וואָס דאָס פאָלק רעדט
וואָס זייזער

שטייט „דאס בילד וואס איז גענומען געווארן [illegible] [illegible]" (זייט 1, אויבן).

דא שטעלט זיך א פראגע: וואס איז פונדאמענטאל? ווער איז דאס פאלק? אוודאי מיינט מען דאס פאלק, וואס רעדט יידיש מכמה דורות. דאס טיפישע פאלק איז די מיטעלע שיכט פון גאנצן פאלק, ארעם, אומגעבילדעט אבער געזעלשאפטלעך איינגעפונדרעוועט מיט א גאטירלעכער נאציאנאלער טרייב־קראפט זיך אויסצולעבן אויף יידיש. די העכערע שיכט, וואס שטאמט דאס רוב פון דער מיטעלער שיכט, קאן זיין אזא, וואס באהעפט זיך מיטן כלל און לעבט זיך אויס אויף א קולטורעלן שטייגער. אדער אניט קאן דאס זיין אן אפגעריסענער צווייג, וואס ווערט איינגעפלאנצט ערגעץ אנדערש, אויב ער ווערט דערהווייל ניט פארוויאנעט.

אין אלע צייטן מסתמא זיינען אנגעגאנגען אט־די צוויי פראצעסן. פון איין זייט האבן זך די אינטעליגענטן געריסן צו אסימילירן, ז"ן און אנדערע (ווי ירבעם בן נבט), און פלעגן אריינברענגען צווישן פאלק כלערליי פסולת. פון דער אנדערער זייט האבן זיך געפונען אינטעליגענטן, וואס האבן ווייטערגעצויגן די טראדיציע פון פאלק און האבן געהאלטן מלחמה מיט די פארטושערס און אסימילאטארס.

אין 16־טן יארהונדערט איז געווען אונדזער העלד אליהו בחור (לעוויטא); אין 17־טן יארהונדערט זיינען די העלדן געווען מענער, ווי אויפהויזן און וויצנהויזן, אין 18־טן יארהונדערט איז דער גבור פון יידיש מענדל לעפין און אין 19־טן יארהונדערט געפינען מיר איבערגעגעבענע קריגערס, ווי עטינגער, יהושע ליפשיץ, מענדעלע, און אנדערע. זייער עובדא איז געווען צו רייניקן דעם גארטן יידיש פון די ווילדגראזן, וואס האבן זיך אנגעקליבן א דאנק די אינטעליגענטן אן באציאונג, די משכילים, וואס האבן זיך געשפארט אין דער ברייטער ווייסער וועלט, וואו עס זאלן כלומרשט ניט זיין קיין גזירות און רדיפות, און פאר וועמען דאס פאלק איז געווען אן אומציווילליזירטע מאסע פון פינצטערלינגען.

אזעלכע משכילים זיינען געווען מער־ווייניקער די זשורנאליסטן, וואס האבן געשאפן דעם דייטשמערישן יידיש, וואס דאס פאלק האט ניט גערעדט. פארשטייט זיך, אז וואו ניט וואו האט מען געקאנט געפינען א נצוץ פון די לעפינס און ליפשיצעס, למשל, מאריס ווינטשעווסקי, אבער מערסטנס זיינען עס געווען מענטשן וואס האבן אדער ניט געקאנט קיין יידיש פון דער היים, אדער אזעלכע, וואס האבן זיך אנגעזוברעוועט מיט קולטור אויף פרעמדע שפראכן. אזוי אז זיי האבן ניט געקענט אדער געוואלט איבערגיסן אין אייגענע כלים, נאר האבן אנגענומען דעם כלל, אז יידיש איז א זשארגאן, א פארדארבענער דייטש, דארף מען בכן ניצן וואס מער דייטשישע אויסדרוקן און פארעמס. אגב האט אזא קוק זיך געלוינט דערמיט, וואס מען האט זיך ניט באדארפט ברעכן דעם קאפ אויסצוזוכן א טראדיציאנעל־יידיש ווארט אדער א פאלקס־פראזע. דער צוועק איז געווען אויפקלערונג. די שפראך איז געווען א תפל.

אזוי האט עס אנגעהאלטן ביז וואנען די יידישע ליטעראטור האט גענומען ווערן א קאלעקטיווער כוח און די שרייבערס האבן אנגעהויבן זיך גרזפירן. די טשערנאוויצער קאנפערענץ האט, פארשטייט זיך, געגעבן דעם ערשטן שטויס, אבער ערשט ארום 1918 האבן די יידישע ליטעראטן גענומען פילן, אז יידיש איז ניט קיין שטאל, און עס האט זיך ביי די מערסטע פון זיי אנגעהויבן שפירן אן אחריות צום יידישן ווארט.

ביז ארום יענער צייט האט מען אמת שוין ניט „געשפראכן". אבער מען האט נאך אלץ „פערשפראכן" און „בעשפראכן", און אפילו היינט באגעגנט מען נאך אלץ אט־די איבערבלייבעכטסן פון דעם משכילישן דור, און קאלעגע מאנפריד קוועטשט מיט די פלייצעס אויף מיין האפערדיקייט צו זאגן, אז „אויסגעשפראכן" איז דייטשמעריש און ניט יידיש, און אז איך לייג פאר, אז מען דארף זאגן „אן ארויסגעזאגטער" [סאציאליסט, למשל], איז ערשטנס ציטירט ער פאלש, סיידן ס'איז א דרוקגרייז, און שרייבט „אויסגעזאגט", בעת איך האב געשריבן „ארויסגעזאגט". און דערנאך מאכט ער א געוואלד, אז ס'איז געקינצלט און ניט ווי דאס פאלק רעדט. ער פארגעסט, אז דאס ווארט „אויסגעשפראכן" איז ארויפגעצוואונגען געווארן אויף די לייענערס מצד די משכילישע שרייבערס, וואס דייטש איז ביי זיי געווען דער משקל פון יידיש. וואס הייסט אן „אויסגעשפראכענער" רעאקציאנער? א מענטש, וואס האט זיך ארויסגעזאגט פאר א רעאקציאנער. אזוי רעדט דאס פאלק, איז דערפאר דער אדיעקטיוו „ארויסגעזאגטער", אדער אויב מען וויל אן אנדער ווארט, איז דאס בפירושער אדער אויסדריקלעכער, אבער אויסגעשפראכענער איז פרעמד פארן יידישן קלאנג, אפילו ווען אונדזער אויער איז געוואוינט צו דעם. אט קאנען מיר זיך איינחזרן א ליד מיט פאלשע נאטן, הייסט עס נאך ניט, אז דערפאר ווערט דאס ליד ריכטיק געזונגען.

אבער פון וואנען ווייסן מיר, אז אזא און אזא קלאנג איז ניט יידיש? אין מיין ארטיקל „וואס איז דייטשמעריש?" האב איך עס פרובירט דערקלערן באריכות, דא וועל איך נאר מוסיף זיין אן אומדירעקטע ראיה, וואס באווייזט, אז עס איז פארט פאראן א שפראךגעפיל, ווארים אניט וואלטן אזוי פיל אפגעהיטע שרייבערס ניט געווען פאלן אויף דעמזעלבן שכל.

ווי קומט עס, פרעג איך, וואס אין איין און דערזעלביקער צייט האבן יידישע ליטעראטן אין פארשיידענע לענדער און פון גאר פארשיידענע אידעאלאגיעס אנגעהויבן פארווארפן הונדערטער אויסדרוקן, וואס מען פלעגט זען כסדר אין פארשיידענע זשורנאלן און ביכער און אויף זייער ארט ניצן אזעלכע, וואס האבן אויסגעזען מאדנע? נחום שטיף אין בערלין און דערנאך אין קיעוו, בארא כאוו און דר. זשיטלאווסקי אין ניו־יארק, פרילוצקי איןווארשע, די ווילנער ארום דעם יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט — און דאס זיינען אלץ געווען מענטשן, וואס זיינען געווען שפראכמייסטערס חוץ זיי־

# די יידישע ליטעראַטור אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע

קיצור פון רעפעראַט, געהאַלטן אויף דער צווייטער וויסנשאַפטלעכער באַראַטונג
פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן,
דעם 19טן סעפּטעמבער, 1945

פון נחמן בלומענטאַל / לאָדז

ספּעציעל פאַר „יידישע קולטו

צוערשט באַשטימען די באַגריפן:

דריי באַגריפן פונעם אויסדרוק „יידישע ליטע־ראַטור":

1. ליטעראַטור, געשאַפן דורך יידן אומאָפּהענגיק פון שפּראַך: יידיש, פּויליש, העברייאיש; מיר האָבן אין אונדזערע זאַמלונגען אפילו לידער אין אונגאַריש, רומעניש א.אַ.

2. ליטעראַטור וועגן יידן — פון נישט־יידן — אומאָפּהענגיק פון שפּראַך און נאַציאָנאַליטעט פון מחבר. אַזוי, למשל, קאָן איך אוקראַיִנישע פאָלקס־לידער וועגן אַקציעס אויף יידן, געשאַפענע דורך אַ פּויער — אַן אוקראַיִנער. אַהער געהערן אייניקע לידער פון דער אַנטאָלאָגיע „זאַטשלאַני", געשריבן דורך נישט־יידן, וואַרשע 1944. בכלל דאַרף מען די ליטעראַטור איינטיילן אין צוויי גרופּעס: „פּראָ" און „קאָנטראַ". — וואָס די באַגריפן באַדייטן — איז קלאָר. אין דער גרו־פּע „קאָנטראַ" וועט זיך געפינען די גאָר רייכע דייטשי־שע פּראָדוקציע וועגן „יודאַ". אויב אפילו די דאָזיקע ליטעראַטור איז נישט אינגאַנצן געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, איז אָבער די דאָזיקע ליטעראַטור אין דער צייט אַקטואַליזירט געוואָרן. — איך נוציק זיך אין דעם באַגריף „אַקטואַליזירן", ווייל אויך געוויסע יידישע ליטעראַרישע ווערק, אויפגעקומע־נע פריער, ווערן אין דער צייט אַקטואַליזירט (געביר־טיקס: „עס ברענט, יידעלעך, עס ברענט", יידישע פאָלקסלידער „די מאַמע", „דאָרט אין אַ וועלדל, דאָרט נעבן אַ טייכל, דאָרט שטייט אַ מאַמעניו און ברעכט אירע הענט"... א.אַ.). און אויב מיר ווילן גענוי אָפּ־שפּיגלען דאָס ליטעראַרישע לעבן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, מוזן מיר נויטווענדיקערהייט האָבן אין אויג די אַקטואַליזירטע ליטעראַטור. אַ פּראָדוקציע, וואָס איז טיילווייז אויסגענוצט געוואָרן דורך יידן — כ'מיין דאָ: די לאַגער־לידער, וואָס זיינען געווען באַ־שטימט צום זינגען פאַר די יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען און אין וועלכע די יידן האָבן זיך באַטייליקט נישט נאָר פּאַסיוו. זיי האָבן נישט נאָר פאַריידישט דעם טעקסט, נישט פאַרשטייענדיק דעם דייטשן — עס האָט זיך געשאַפן אַ מין אַלטערטימלעך יידיש־דייטש, נישט תמיד פאַרשטענדלעך פאַרן זינגער אַליין, — נאָר אויך איינגעפירט באַוואוסטזיניק ענדערונגען, וואַריאַנטן. למשל, אין סאָביבאָרער „הימן": „די יודן ציהען הין, די יודן ציהער אַהער" — זינגען די יידן: „די וואָלקן ציהען הין און וואָלקן ציהען אַהער". אין דעם דאָזיקן ליד קומט דאָס פאַר דער אויספּיר: „מאַך די קלאָפּע צ דאַן האָט די וועלט רו". — די יידן האָבן נישט געוואָל זינגען וועגן זיך אָט־דעם טויט־אורטייל. די דאָזיק ליטעראַטור דאַרף גענויער אויסגעפאָרשט ווערן, או דער עיקר — דער יידישער אָפּטייל אין איר. מיר וועל דאָ האָבן צו טאָן אויך מיט אַ שפּראַכלעכן ווידערשטאַ פון יידן. — אַ צווייטער אַספּעקט פון דער מין ליטע־ראַטור־אָנווענדונג איז דאָס זינגען אַנטי־יידישע לידע דורך יידן, וואָס זיינען דערצו נישט געווען געצוואונגע אַזוי, למשל, זינגען יידישע בחורים פון בילגאָראַי (לוב־לינער קרייז), אַרויסלאָזנדיק זיך פון געטאָ אויף איינ־צוקויפן פּראָדוקטן אין דאָרף, כדי אָפּצואווענדן פון זי די אויפמערקזאַמקייט, דאָס פּוילישע לידל: „זשיד גודלאַי" — און דער פאַקט, ווי אויך אַ ריי אַנדערע דאַרף גענומען ווערן אין אַכט.

3. ליטעראַטור אין יידיש — ד.ה. געשריבן אויף יידיש, אומאָפּהענגיק פון נאַציאָנאַליטעט פון מחבר. פּראַקטיש וועט עס זיין אַ ליטעראַטור געשריבן דור יידן פאַר יידן אויף יידיש — ווייל איך קען נישט קיי איין פאַל, פון אַ נישט־יידן, וואָס האָט געשריבן אין דע אָקופּאַציע־צייט יידיש. — די 3־טע גרופּע איז, בכן, אי דעם פאַל אַ סוב־גרופּע פון נר. 1.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלע דריי גרופּעס האָבן אַ ווי פ זיקע באַדייטונג און דאַרפן ביז אין די קלענסטע פּרט אויסגעפאָרשט ווערן.

אַז די דאָזיקע ליטעראַטורן האָבן אַ ווערט ניש מ נאָר פאַר ליטעראַטור־געשיכטע, איז אפשר איבערי צו זאָגן. אין פּרט „היטלעריזם", מער ווי אין יעד אַנדערער שטרעמונג, גייט די ליטעראַטור פאַר ד געשיכטע (פּאָליטישע, עקאָנאָמישע). אין היטלערי איז אַלץ קודם־כל גענוי אַרומגערעדט און ליטעראַ באַאַרבעט געוואָרן, דערנאָך ערשט איז געקומען טאַט, דער געשיכטלעכער פאַקט. די ליטעראַטור דאָ געווירקט אויף דער געשיכטע און נישט פאַרקע גאָרנישט איז דאָ איבערגעלאָזט געוואָרן דער סטיכ דעם נישט־אָרגאַניזירטן אויפברויז, דעם ווילקיר. איידער דער היטלעריזם איז צוגעטראָטן צום דורכ די אויסראָטונגס־פּאָליטיק, האָט ער געשאַפן די א ראָטונגס־טערמינאָלאָגיע, די אויסראָטונגס־ליטעראַ צום אַלעם ערשטן איז געווען דאָס וואָרט — ד היטלעריסטישע וואָרט — אָבער דאָס איז געוויס אַ פאַר זיך. — אין אַן אַנדערן זינען האָט אַ היסטאָ ווערט די ליטעראַטור אין יידיש, ווי אַן איבערגעב

# די יידישע ליטעראַטור אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע

### וויסנשאַפטלעכער באַראַטונג

קיצור פון רעפעראַט, געהאַלטן אויף דער צווייטער וויסנשאַפטלעכער באַראַטונג פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן, דעם 19טן סעפּטעמבער, 1945

פון נחמן בלומענטאַל / לאָדז

ספּעציעל פאַר „יידישע קולטור"

צוערשט באַשטימען די באַגריפן:

דריי באַגריפן פונעם אויסדרוק „יידישע ליטעראַטור":

1. ליטעראַטור, געשאַפן דורך יידן אומאָפּהענגיק פון שפּראַך: יידיש, פּויליש, העברעיאיש; מיר האָבן אין אונדזערע זאַמלונגען אפילו לידער אין אונגאַריש, רומעניש א.אַ.

2. ליטעראַטור וועגן יידן — פון נישט־יידן — אומאָפּהענגיק פון שפּראַך און נאַציאָנאַליטעט פון מחבר. אַזוי, למשל, קאָן איך אוקראַיִנישע פאָלקס־לידער וועגן אַקציעס אויף יידן, געשאַפענע דורך אַ פּויער — אַן אוקראַיִנער. אַהער געהערן איניקע לידער פון דער אַנטאָלאָגיע „זאַטשלאַני", געשריבן דורך נישט־יידן, וואַרשע 1944. בכלל דאַרף מען די ליטעראַטור איינטיילן אין צוויי גרופּעס: „פּראָ" און „קאָנטראַ". — וואָס די באַגריפן באַדייטן — איז קלאָר. אין דער גרופּע „קאָנטראַ" וועט זיך געפינען די גאָר רייכע דייטשישע פּראָדוקציע וועגן „יודאַ". אויב אפילו די דאָזיקע ליטעראַטור איז נישט אינגאַנצן געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, איז אָבער די דאָזיקע ליטעראַטור אין דער צייט אַקטואַליזירט געוואָרן. — איך נוציק זיך אין דעם באַגריף „אַקטואַליזירן", ווייל אויך געוויסע יידישע ליטעראַרישע ווערק, אויפגעקומענע פריער, ווערן אין דער צייט אַקטואַליזירט (געבירטיקס: „עס ברענט, יידעלעך, עס ברענט", יידישע פאָלקסלידער „די מאַמע", „דאָרט אין אַ וועלדל, דאָרט נעבן אַ טייכל, דאָרט שטייט אַ מאַמעניו און ברעכט אירע הענט"... א.אַ.). און אויב מיר ווילן גענוי אָפּשפּיגלען דאָס ליטעראַרישע לעבן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, מוזן מיר נויטוועדיקערהייט האָבן אין זינען די אַקטואַליזירטע ליטעראַטור. אַ פּראָדוקציע, וואָס איז טיילווייז אויסגענוצט געוואָרן דורך יידן — כ'מיין דאָ: די לאַגער־לידער, וואָס זיינען געווען באַשטימט צום זינגען פאַר די יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען און אין וועלכע די יידן האָבן זיך באַטייליקט נישט נאָר פּאַסיוו. זיי האָבן נישט נאָר פאַריידישט דעם טעקסט, נישט פאַרשטייענדיק דעם דייטשן — עס האָט זיך געשאַפן אַ מין אַלטערטימלעך יידיש־דייטש, נישט תמיד פאַרשטענדלעך פאַרן זינגער אַליין, — נאָר אויך איינגעפירט באַוואוסטזיניק ענדערונגען, וואַריאַנטן. למשל. אין סאָביבאָרער „הימן": „די יודן ציהען היין, די יודן ציהען אַהער" — זינגען די יידן: „די וואָלקען ציהען היין און וואָלקען ציהען אַהער". אין דעם דאָזיקן ליד קומט דאָס פאַר דער אויספיר: „מאַך די קלאַפּע צו, דאַן האָט די וועלט רו". — די יידן האָבן נישט געוואָלט זינגען וועגן זיך אַט־דעם טויט־אורטייל. די דאָזיקע ליטעראַטור דאַרף גענויער אויסגעפאָרשט ווערן, און דער עיקר — דער יידישער אָפּטייל אין איר. מיר וועלן דאָ האָבן צו טאָן אויך מיט אַ שפּראַכלעכן ווידערשטאַנד פון יידן. — אַ צווייטער אַספּעקט פון דער מין ליטעראַטור־אַנווענדונג איז דאָס זינגען אַנטי־יידישע לידער דורך יידן, וואָס זיינען דערצו נישט געווען געצוואונגען. אַזוי, למשל, זינגען יידישע בחורים פון בילגאָראַי (לובלינער קרייז), אַרויסלאָזנדיק זיך פון געטאָ אויף איינצוקויפן פּראָדוקטן אין דאָרף, כדי אָפּצואָווענדן פון זיך די אויפמערקזאַמקייט, דאָס פּוילישע לידל: „זשיד גודלאַי" — און דער פאַקט, ווי אויך אַ ריי אַנדערע, דאַרף גענומען ווערן אין אַכט.

3. ליטעראַטור אין יידיש — ד.ה. געשריבן אויף יידיש, אומאָפּהענגיק פון נאַציאָנאַליטעט פון מחבר. פּראַקטיש וועט עס זיין אַ ליטעראַטור געשריבן דורך יידן פאַר יידן אויף יידיש — ווייל איך קען נישט קיין איין פאַל, פון אַ נישט־יידן, וואָס האָט געשריבן אין דער אָקופּאַציע־צייט יידיש. — די 3־טע גרופּע איז, בכן, אין דעם פאַל אַ סוב־גרופּע פון נר. 1.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלע דריי גרופּעס האָבן אַ ריזיקע באַדייטונג און דאַרפן ביז אין די קלענסטע פּרטים אויסגעפאָרשט ווערן.

אַז די דאָזיקע ליטעראַטורן האָבן אַ ווערט נישט נאָר פאַר ליטעראַטור־געשיכטע, איז אפשר איבעריק צו זאָגן. אין פּרט „היטלעריזם", מער ווי אין יעדער אַנדערער שטרעמונג, גייט די ליטעראַטור פאַר דער געשיכטע (פּאָליטישע, עקאָנאָמישע). אין היטלעריזם איז אַלץ קודם־כל גענוי אַרומגערעדט און ליטעראַריש באַאַרבעט געוואָרן, דערנאָך ערשט איז געקומען דער טאַט, דער געשיכטלעכער פאַקט. די ליטעראַטור האָט דאָ געווירקט אויף דער געשיכטע און נישט פאַרקערט. גאַרנישט איז דאָ איבערגעלאָזט געוואָרן דער סטיכיע, דעם נישט־אָרגאַניזירטן אויפברויז, דעם ווילקיר. — איידער דער היטלעריזם איז צוגעטראָטן צום דורכפירן די אויסראָטונגס־פּאָליטיק, האָט ער געשאַפן די אויסראָטונגס־טערמינאָלאָגיע, די אויסראָטונגס־ליטעראַטור. צום אַלעם ערשטן איז געווען דאָס וואָרט — דאָס היטלעריסטישע וואָרט — אַבער דאָס איז געוויס אַן ענין פאַר זיך. — אין אַן אַנדערן זינען האָט אַ היסטאָרישן ווערט די ליטעראַטור אין יידיש, ווי אַן איבערגעבלי

בענער דענקמאַל, זכר פון דעם, וואָס איז פאַרגעקומען.

וואָס הייסט דייטשישע אָקופּאַציע? נישט די געשיכטלעכע דאַטן פון באַפרייען דאָס פּוילישע לאַנד איז פאַר אונדז מאַסגעבנדיק; ווייל ווען, למשל, ס'איז אין יאַנואַר 1945 באַפרייט געוואָרן לאָדזש, האָבן זיך דאָ געפונען נישט מער ווי אַ 850 - 800 יידן, דאַקעגן האָבן זיך אַ צוויי צענדליק טויזנט לאָדזשער יידן געפונען אין דעם מאָמענט נאָך אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, אין פאַרשיידענע לאַגערן פון דייטשלאַנד גופא. דאָס זעלבע איז שייך צו אַנדערע שטעט. אַ כלל: דאָס „יודענלאַנד" געפינט זיך דאָרט, וואו עס לעבן יידן!

דעריבער דאַרף מען בעמען אַלס גרענעץ־דאַטן דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 און דעם אַכטן מאַי 1945, ווען אַלע יידן פון דער גאַנצער דייטשישער טעריטאָריע זיינען שוין געווען פריי און די אָקופּאַציע (עס האַנדלט זיך דאָ נישט אין טעריטאָריע!), ד.ה. אירע פּסיכאָלאָגישע ווירקונגען האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

איך וועל זיך אין מיינע איצטיקע פּאָר ווערטער באַגרענעצן מיט דער גרופּע 3, ד.ה. ליטעראַטור אין יידיש.

וואָס הייסט יידישע ליטעראַטור אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע?

דאָס גאַנצע ליטעראַרישע שאַפן פון דער צייט פון אָקופּאַציע, לויט די אויבנגעבראַכטע דעפיניציעס — דער גאַנצער מאַטעריאַל איז צו אונדז דערגאַנגען נישט אין אַ געדרוקטער פאָרם, נייערט אין כתב־ידן; טיילווייז אין דער גערעדטער פאָרם, וואָס באַקומט ערשט איצט, שוין נאָך דער באַפרייאונג, די נאָרמאַלע פאָרם פאַר ליטעראַטור — די שריפטלעכע.

און פון דעם נעמען זיך פאַרשיידענע שוועריקייטן! אין כתב־ידן איז צומייסט קיין דאַטעס נישטאָ — שווער פעסטצושטעלן, צי אַ געוויס ליטעראַריש ווערק איז אויפגעקומען ביזן 1־טן סעפּטעמבער, צי נאָך דער דאַטע. נעמען אין אַכט דעם אינהאַלט איז אויך נישט מעגלעך, עס וועט קודם־כל נישט אַנטשפּרעכן דעם פּראָבלעם: אָפּשפּיגלען דאָס פאַקטישע פּנים פון ליטעראַרישן לעבן פון דער צייט; צווייטנס, איז דאָך מעגלעך, ביי אַזאַ צוגאַנג, דאָס מיר וועלן נעמען אין אַכט דעם אינהאַלט פון ליטעראַטור, וואָס דאַרף זיין ספּעציפיש „אָקופּאַנטיש", אַזוי צו זאָגן, אַז אַ סך ווערק, וואָס זיינען אַנטשטאַנען שוין נאָך דער באַפרייאונג, אויך דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר ליטעראַטור פון דער אָקופּאַציע. למשל, אָפּאַטשינסקיס אַ ליד „די יידן־גאַס" (ביאַליסטאָק) — געשאַפן שוין איצט, האָט אַלע סימנים פון אַן אָקופּאַציע־ליד. דער עיקר איז דאָס חל אויף די יעניקע, וואָס זיינען אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע נישט געווען, קומען ערשט איצט צוריק און שטויסן זיך אָן אויף די פּראָבלעמען פון אָקופּאַציע, לעבן זיך איין אין זיי און שאַפן אונטער דעם איינדרוק. דעריבער מוז מען געמען ריין מעכאַניש, — איבעריקנס איז אין דער ליטעראַטור־געשיכטע אַנדערש נישט מעגלעך — די אויבן־דערמאַנטע אָקופּאַציע־דאַטעס אַלס ענדגילטיקע.

אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט, אָדער מיר האַלטן, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט, געהערט צו דער אָקופּאַציע־ליטעראַטור, אַלץ איבעריקע—נישט. אַזוי אַרום וועט, למשל, אַ באַנד מעמואַרן, וואָס מיר האָבן געפונען אין לאָדזשער געטאָ, וואָס נעמט אַרום דעם צייט־אָפּשניט פון סוף 19־טן י"ה. און אָנהויב פון 20־טן, מעמואַרן, וואָס זיינען העכסט וואַרשיינלעך געשריבן געוואָרן אין געטאָ, דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר אָקופּאַציע־ליטעראַטור, דאַקעגן אַ בוך, וואָס שפּיגלט אָפּ די אָקופּאַציע־צייט און איז אָבער אָנגעשריבן געוואָרן נאָך דער אָקופּאַציע, געהערט שוין נישט צו דער עפּאָכע. עס איז וויכטיק אַרומצונעמען די גאַנצע ליטעראַרישע פּראָדוקציע פון דער צייט אַלס איין גאַנצעס. עס וועט בוילעטער ווערן דאָס בילד פון דער צייט. דאָס נישט פאַרנעמען זיך מיט אָקופּאַציע־פּראָבלעמען איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר געוויסע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַמיט אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט. פון דער אַנדערער זייט, אַ ווערק פון אַ שפּעטערער תקופה, קאָן שוין נישט האָבן, נישט דעם קאָלאָריט און נישט די אידעאָלאָגיע פון דער אָקופּאַציע־צייט! עס איז שוין נישט עכט. פאַרשטייט זיך, אַז טעותים זיינען דאָ מעגלעך (אַ באַנד לידער „שוואַרץ און בלאַנד" — ווען אויפגעקומען?).

אַ באַזונדער פּראָבלעם: די ווערק פון לעבן־געבליבענע שרייבער, וואָס ווערן איצט דורך זיי רעסטאַווירט. דאָס איז דער פאַל, למשל, פון טויבע גערשאָוויטש (בידגאָשט), י. שפּיגל (לאָדזש). צי געהערן די דאָזיקע ווערק צו דער אָקופּאַציע־ליטעראַטור, ווייל אין דער צייט זיינען זיי אַנטשטאַנען, צי לכל הפחות פאַרטראַכט געוואָרן, צי להיפוך געהערן זיי צו דער נאָך־אָקופּאַציע־ליטעראַטור, ווייל אין דער צייט זיינען זיי פאַקטיש אָנגעשריבן געוואָרן צי פאַרענדיקט. גערשאָוויטש האָט אירע לידער פאַרפאַסט און אָנגעשריבן אין דער אָקופּאַציע־צייט, דער כתב־יד איז אָבער פאַרלוירן געגאַנגען, די ווערק זיינען דורך איר איצט „רעסטאַווירט" געוואָרן, ד.ה. פאַקטיש אויפסניי געשאַפן געוואָרן. אויף וויפל עס האָט דאָ דעצידירט דער זכרון, איז, פאַרשטייט זיך, נישט מעגלעך צו זאָגן. ס'רוב פאַלן פון רעסטאַווראַציע זעען אַזוי אויס. אין אַ מילדערער פאָרם טרעט אַרויס דאָס דאָזיקע פּראָבלעם ביי די שרייבער, וועלכע האָבן איצט געפונען זייערע כתב־ידן און פירן אין זיי דורך געוויסע קלענערע, צי גרעסערע שינוים (שפּיגל). די פראַגע בלייבט אָפן! דערביי מוז אָבער אויך באַטאָנט ווערן, אַז די ליטעראַטור שבעל פה, וואָס באַקומט ערשט איצט איר שריפטלעכן לבוש, איז שוין אויך אין אַ געוויסן זין רעסטאַווירט, באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק.

## מ ק ו ר י ם.

**וואָס ווייסן מיר וועגן דער יידישער ליטעראַטור פון דער צייט, און פון וואַנען שעפּן מיר די דאָזיקע ידיעות? פריער פון אַלץ: קיין געדרוקטע ביכער אין**

# יידישע קולטור

חודש־שריפט פונ׳ם
אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד
איקוף

## אינהאַלט

צום באַזוך פון דער יידישער דעלעגאַציע פון פוילן:
צוליב וואָס מיר זיינען געקומען קיין אַמעריקע
— ד״ר. עמיל זאָמערשטיין
אָפּצולייגן איז נישטאָ וואָס — — — — — — — — מ. מירסקי
בילדער־רעפּראָדוקציעס פון פוילישן שטעט—ז. טאָלקאַטשאָוו
צוריק אין דער אַלטער א. אַ. (לידער) — — — — ישעיהו שפּיגל
לידער צו מיין ברודער ברוך — — — — — — מאַטעס אָליצקי
איך פאָר צו דיר, פוילן — — — — — — — — — אברהם זאַק
פאַר אַ נייעם אָנהייב — — — — — — — — — ב. מאַרק
די מיגראַציע פון יידישן פאָלקס־ליד אונטער
דער דייטשער אָקופּאַציע — — — — — נחמן בלומענטאַל
לידער — — — — — — — — — — — — — א. סוצקעווער
כ׳וועל זיך צוהערן, אויף דער ערד (לידער) — — מענדל מאַן
אברהם רייזען (צו זיין יובילײ) — — — — — — — קלמן מרמר
פאָלקס־שאַפן און ליטעראַטור — — — — — — — נחמן מייזיל
ערגעץ ווערט דערלייזונג סוף־כל־סוף באַגריסן (ליד) — ז. וויינפּער
ווידערוואוקס (דערציילונג, סוף) — — — — — — — — דער נסתר
יידישע דערציאונג אין אַמעריקע — — — — — — — ש. סעקולער
שלום־עליכמס „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“ — — א. ר. מלאכי
אָלגאַ ראַבינאָוויטש (פּרוי שלום־עליכם) — — — — — — — — — נ. מ.
דוד האָפּשטיינס גלויביקע לידער — — — — — שלום שטערן
פריידיקע יונגע קינסטלער — — — — — — אברהם טייטלבוים
בילדער־רעפּראָדוקציעס פון א. וואָלקאָוויטש, פרענק האָראָוויץ
אָפּשייד־אָוונט פאַר נחמן מייזיל — — — — — — — — י. בוראַקאָוו
טעטיקייט פונעם איקוף
נייע ביכער



7
יולי, 1946
אכטער יאָרגאַנג
35 סענט

# לידער

פֿון ישעיהו שפּיגל / לאָדזש

## צוריק אין דער אַלטער היים

אין טוי־באַגינען כ׳קוש דאָס נאַסע גראָז,
און מיינע ליפּן פֿרעגן: פֿאַרוואָס, אַ גאָט, פֿאַרוואָס?
דאָס געלע גראָז פֿון אַ חרובער כאַטע
דערמאָנט מיך אין דיינע טויטע אויגן, טאַטע.

אַ ווינטמיל שטייט דערנעבן דאָ און קלאָגט,
אויף יעדן אָוונט לויערט בלוטיקער פֿאַרטאָג,
אויף יעדן טאָג לויערט חלף פֿון דער נאַכט,
וואָס ווינט אַזוי דער ווינט?
וואָס יאָמערט ער אויף שלאַך?

דער בית־עלמין זינקט אַראָפּ מיט אַלטן שטיין,
דאָ זיצן נאָך די ייִדעס מיט תהילימדיק געוויין,
דאָ האָט געזען די לבנה ווי אויף פֿעלד פֿאַרשנייט
מ׳האָט באַגראָבן ייִדן לעבעדיקערהייט.

מיט יעדן אָדער־ציטער, מיט יעדן ייִדיש אות
איך פֿאַל צו דיר און פֿרעג: פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס?
דו ענטפֿערסט נישט. ביסט שטום ווי טויטער שטיין,
מיין גאָט, וואָס האָסטו מיך געלאָזט אַליין?

וואָלט נישט געווען דען בעסער אויך פֿאַר מיר,
כ׳זאָל זיין קויל פֿון אַ פֿאַרברענטער טיר —
ס׳זאָל זיין דיין ערד מיט מיסט פֿון מיין געביין,
איידער שלאָגן קאָפּ אין קאַלטן שטיין?

## ס׳הייליק וואָרט פֿון נקמת דם

שענק מיר דאָס געדעכעניש פֿון טויט,
פֿון אַלע די, וואָס זיינען אַש געוואָרן.
שענק מיר דאָס געדעכעניש פֿון דור,
פֿון זיין לעצטן פּיין, פֿון זיין לעצטן צאָרן.

דאָס אָרעם לייב אין גהינומדיקן פֿייער,
די האָר פֿאַרסמאַליעטע אין רויטן פֿלאַם.

שענק מיר דאָס געדעכעניש פֿון טויט,
שענק מיר ס׳הייליק וואָרט פֿון נקמת דם.

מיליאָנען אויגן פֿאַרשלאָסענע מיט דיר,
מיליאָנען תּפֿילות פֿאַרשטיקטע אינעם מויל,
שענק מיר דאָס געדעכעניש פֿון טויט,
פֿון שרפֿה און פֿון חניקה און פֿון גרויל.

זיי יאָגן מיך — מיליאָנען הענט אין ווינט,
זיי צינדן נעכט און ס׳פֿלאַקערן פֿאַרטאָגן.
שענק מיר דאָס געדעכעניש פֿון טויט,
וואָס כ׳קאָן נישט מיטן וואָרט באַקלאָגן.

דאָס וואָרט איז שטום, ווי שטום עס זיינען זאַמדן
ווען ס׳האָט דאָס בלוט אַריינגעטריפֿט אין זיי;
שענק מיר דאָס געדעכעניש פֿון טויט,
דעם אָטעם אויף זייער לעצטן וועג פֿון ווי.

פֿון שוואַרצאַפּלען מיליאָנען כאָטש אַ טרער
לאָז פֿון די ווימפּערן פֿון מיינע אויגן טריפֿן.
שענק מיר דאָס געדעכעניש פֿון טויט,
מיט אָפּגרונטן פֿון אַלע ימימס טיפֿן.

פֿאַרשניטן ס׳איז אַ פֿאָלק אַדורכגעגאַנגען
מיט ווייכן האַלדז געקוילעט און פֿאַרסמט;
אַ שענק מיר דאָס געדעכעניש פֿון טויט,
דאָס גרויסע, הייליק וואָרט פֿון נקמת דם.

## ס׳וועט מער דאָ נישט אויפֿגיין

ס׳וועט מער דאָ נישט אויפֿגיין גאָלדענער ווייצן
אין ליכטיקן טאָל,
ס׳וועלן מער נישט די תבֿואות זינגען אין אָוונט
אַזוי ווי אַמאָל.

די פֿעלדער זיי ליגן צעאַקערט מיט ביינער
פֿון אָרעמען ייִד,
ס׳האָבן ווינטן די זריעה אין בלוט איינגעטונקען
מיט אַשן צעשיט.

ס׳וועלן מער נישט די מאַמעס זינגען דאָ לידער
איבער ייִדישער וויג,
די ביימער אין פֿרילינג זיי וועלן דאָ אויפֿגיין
מיט פּעטליעס פֿון שטריק.

ס׳וועט מער שוין נישט אויפֿגיין גאָלדענער ווייצן
מיט זאַפֿטיקן ברויט,
ס׳וועלן פֿרעמדע דאָ קומען און שניידן די גראָ[illegible]
פֿון נקמה און טויט.

---

דער דיכטער ישעיהו שפּיגל האָט צו די לידער בייגע־לייגט אַ בריוול, וואו ער שרייבט אונדז צווישן אַנדערן:

„...די אָקופּאַציע־יאָרן האָבן אָפּגעווישט אונדזער רייכן לאָדזשער קיבוץ. איך בין געבליבן דער איינציקער תּון דער אַמאָליקער לאָדזשער ליטעראַרישער גרופּע. אַ טייל פֿון מיינע כתבים האָב איך, צוריקקו־מענדיק פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער, אויפֿגעגראָבן אין די חורבֿות פֿון לאָדזשער געטאָ, וואו איך האָב זיי באַגראָבן פֿאַרן אָפּטראַנספּאָרטירן קיין אַשוויענטשים מיך און מיין משפּחה...״

# פרילינג אויף פוילישער ערד

ביינאַכט בליט פאַרן פענצטער די פוילישע טאפאָליע,
זילבערדיק הענגט די ראָסע אויף איר ווי מיין טרער,
די ווינטן זינגען אין וועלדער פון יידישער דאָליע,
פון בלוט, וואָס האָט נאָך נישט איינגעזאַפּט פוילישע ערד.

אונדזער קלויז שטייט פאַרברענט אין יידישן געסל
און שמות פון ספרים באַשפּריצט מיט בלוט און מיט מוח.
ווי קאָן מען דעם יידישן טויט דאָ פאַרגעסן,
די הימלען וואָס הענגען מיט פייער און רויך.

כ׳טראָג דעם כשוף פון בלוט און פון פרילינג אויף הענט
דיר אַקעגן, מיין ברודער, אין ליכטיקן טאָל,
קום זע, ווי דיין יידישע היים איז פאַרברענט,
קום הער אין די ווינטן פון טויטע דאָס קול.



די צוויי צייכענונגען, ווי אויך די צייכענונג אויפן שער-בלאַט, זיינען פונעם בוך „דאָס שטעטל" פון דעם קינסטלער ז. טאָלקאַטשאָוו, — דערשינען לעצטנס אין לאָדז (זע „נייע ביכער" אין היינטיקן נומער).

•

אויפן שער-בלאַט:
דער מלאך־המות

•

אויבן:
שלום־עליכם אויף די חורבות פונעם שטעטל

•

רעכטס:
פונעם ציקל „אין שטעטל"



# די מיגראַציע פון יידישן פאָלקסליד אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

פון נחמן בלומענטאַל / לאָדזש

איינס פון די וויכטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן ליטעראַרישן לעבן אין געטאָ, איז דאָס מיגראַציע־פּראָבלעם פונעם יידישן פאָלקסשאַפן. אַחוץ דעם וואונדער אַליין, וואָס אין געטאָ האָט בכלל עקזיסטירט אַ ליטעראַריש לעבן — איבריקנס נישט נאָר אין געטאָ, נאָר אויך אין די לאַגערן, אין זייערע פאַרשיידנסטע פאָרמען א.אַ.וו. — איז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איינס פון די אויסטערלישסטע. עס איז דאָך קלאָר, אַ פאָלקסליד האָט דאָך זיין סביבה, וואו ס׳קומט אויף, פאַרשפּרייט זיך, לעבט דער עיקר מיטן מענטשן וואָס זינגט עס. אַ פאָלקס־ליד איז דאָך קודם־כל אַ פּראָדוקט פון תורה שבעל פּה. כדי עס זאָל אַריבער אין אַן אַנדער סביבה — מוז עס אַריבערוואַנדערן אינאיינעם מיט דעם סוביעקט, וואָס קען עס. אין נאָרמאַלע צייטן — איז עס דער פאָלקס־זינגער, אַ פּשוטער גאַסט, צי איבערוואַנדלער, אַמאָל אפילו ברענגט אַ ניי פאָלקס־ליד אין אַ נייער סביבה אַ פּשוטער דורכפאָרער א.אַ.וו. האָט דאָך אַפילו ביז די לעצטע צייטן פון פאַר דער מלחמה — דאָס פאָלקס־ליד נישט ליב געהאַט דאָס געדרוקטע בוך אָדער די גערעדטע דורכן ראַדיאָ צי פון דער סצענע אַראָפּ וואָרט. די דאָזיקע פאָלקס־לידער האָבן זיך מער פאַרשפּרייט, צי אויפגעכאַפּט געוואָרן דורכן אינטעליגענטערן עולם, וואָס האָט זיך געהאַט שוין דערווייטערט פון פאָלקס־שטאָם. צום פאָלקס־מענטש זיינען זיי זעלטענער דערגאַנגען.

אָבער ווי אַזוי האָט דאָס דאָזיקע ליד געקאָנט וואַנדערן אין די שווערע געטאָ־באַדינגונגען, ווען פון איין זייט האָט דאָס געדרוקטע, צי אפילו פּשוט געשריבענע וואָרט כמעט ווי ניט עקסיסטירט. מ׳האָט געשריבן נאָר פאַר זיך (זכרונות, נאָטיצן) אָדער פאַר אייגענע וועגן די גאָר וויכטיקסטע נייעסן — אָבער לידער איבערשיקן אויף אַ מרחק — ווער האָט דאָס געהערט בשעת דער אָקופּאַציע? — איז דאָך דאָס שפּעטער — צוליב די דייטשישע פאַראָרדענונגען — פּשוט פיזיש נישט מעגלעך געווען! דאָסזעלבע איז שייך אויך דעם לעבעדיקן פאַקטאָר, דעם מענטשן גופא, וואָס זייענדיק פאַרשלאָסן אין געטאָ, נישט טאָרנדיק פאַרלאָזן עס אונטער טויט־שטראָף — האָט ער נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו זיין דער פאַרשפּרייטער פון ליטעראַטור.

מילא, די ערשטע צייטן נאָך דער אָקופּאַציע איז דאָס נאָך מעגלעך געווען. פאַרקערט, עס זיינען נאָך אין דעם פּרט אַפילו געווען גרעסערע מעגלעכקייטן ווי נאָרמאַל. קודם־כל, ברענגט דאָך יעדע וויכטיקע פּאָליטישע דערשיינונג — אַן אויפלעבונג אין דער פאָלקס־ליטעראַטור. — די גרויסע דערשיינונגען: אויסברוך פון וועלט־מלחמה, איר נישט־פאָראויס־געזעענער פאַרלויף האָט געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג אין פאָלקסשאַפן. און די גרויסע וואַנדערונגען, פון אָנהייב פריי האָבן דערמעגלעכט דאָס וואַנדערן פון ליד אויך. דער עולם האָט זיך צוביסלעך אומגעקערט פון די ערטער, וואו ס׳האָט אים פאַרכאַפּט — אין לויף — דער שונא, אין די היימשטעט; דערנאָך איז געקומען די כוואַליע פון האַלב־פרייע איבערזידלונגען פון יידן, פון דאָרף אין קליינעם שטעטל, פון קליינעם אין גרעסערן. — וואָס מער יידן — אַלץ זיכערער האָט מען זיך געפילט. דאָס אַלץ האָט, פאַרשטייט זיך, מיטגעווירקט, דאָס ליד זאָל זיך פאַרשפּרייטן. אָבער באַלד האָט זיך דער פּראָצעס אָפּגעשטעלט. די געטאָס זיינען געוואָרן פאַרגליווערט, דאָס באַנוצן זיך מיט דער באַן פאַרווערט — דאָס לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט — און פונדעסטוועגן זעען מיר, אַז פאַרן יידישן ליד זיינען אַפילו אין דער צייט קיין גרענעצן נישט געווען, קיין אָפּשטעל אויך נישט; ווי אַזוי איז דאָס געשען?

עס וועלן דאָס דערקלערן אייניקע ביישפּילן:

אין די לאַגערן באַרקי וויעלקי, קאַמיאָנקע, סטופּקי (טאַרנאָפּאָלער קרייז, געגרינדעט מערץ 1942) האָט מען געזונגען דאָס ליד — אין יעדן פון די לאַגערן, הגם זיי ליגן נאָענט פון זיך, אַן אַנדערן וואַריאַנט — „איכה".

מיר ברענגען קודם דעם קאַמיאָנקער נוסח:

פאַרוואָלקנט דער הימל,
קיין שטראַלן זעט מען נישט;
עס רוישן אַלע גאַסן —
ס׳קאַפּעט מיט בלוט.

רעפריין:

איכה — ווי אַזוי?
פאַרוואָס שווייגסטו דעם גוי?
וואו איז, טאַטע, דיין רחמנות?
ראה אדוני!

די בתי-מדרשים
זיי האָבן אָנגעוואָרן זייער ווערט;
מען מאַכט פון זיי שטאַלן,
מ׳שטעלט אין זיי אַריין פערד.

רעפריין: איכה...

די הייליקע ספרים
זיי זיינען צוקער-זיס ;
מ'רייסט פון זיי שטיקער
און מ'וואַרפט זיי פאַר די פיס.

רעפריין : איכה...

די קליינטשיקע קינדערלעך
פון דער מאַמעס ברוסט —
מ'רייסט פון זיי שטיקער
און מ'וואַרפט זיי אויף דעם מיסט.

רעפריין : איכה...

מיר שטייען און בעטן
אין קאַמיאָנקער לאַגער דאָרט ;
יידן, האָט רחמנות,
און לאָזט אונדז אַרויס פון דעם אָרט !"

רעפריין : איכה...

עס איז בעסער צו עסן
אַ טרוקן שטיקל ברויט,
ווי איידער צו שטאַרבן
פון דעם לאַגערשן טויט.

רעפריין : איכה...

פון דעם הימל גיב אַ קוק
און אויף די יידן גיט אַ בליק,
לעש שוין אָפּ דאָס פייער
און לאָז שוין זיין גענוג !

רעפריין : איכה...

אין צווייטן נוסח (2) פון באָרקי זיינען פאַראַן קליינע ענדערונגען : דאָס וואָרט „קאַמיאָנקע־לאַגער" ווערט דאָ פאַרטרעטן מיט „באָרקער־לאַגער" און דער אָנהייב קלינגט ריטמישער : „פאַרוואָלקנט די הימלען, מען זעט נישט קיין שטראַל". אַחוץ אַ גאַנצע סטראָפע, וועלכע מיר געפינען נישט אין נוסח 1. מיר ברענגען זי אינגאַנצן :

צווישן פעלדער און וועלדער
אונטער אַ כטערטע שטרוי,
דאָרט ליגט אַ ישראליקל
באַהאַלטן פאַר אַ גוי.

ביידע לידער האָבן מיר איבערגעגעבן געוועזענע לאַגעריסטן פון קאַמיאָנקע און באָרקי. פון דעם רעפריין איז פאַראַן נאָך אַ דריטער נוסח. דער צווייטער :

„אהה, ווי אַזוי ?" און ווייטער ווי נוסח 1.

אין דריטן וואַריאַנט (איבערגעגעבן דורך אַ פריילין, וואָס איז אַליין אין לאַגער נישט געוועזן) גייט דער רעפריין :

„און אויב אַזוי,
וואָס-זשע שווייגסטו דעם גוי.
וואו איז, טאַטע, דיין רחמנות ?
אלוהי אדוני !"

די ענדערונגען זיינען גאַנץ נאָרמאַלע און פאַרשטענדלעכע. זיי נעמען זיך דער עיקר פון שלעכט דערהערן צי איבערגעבן דאָס העברייאישע וואָרט. אָבער דער זינען פון ליד בלייבט דערזעלבער און די ענדערונגען, וואָס באַשטייען אין ענלעכקייט פון קלאַנג, האָבן באַקומען זייער תיקון אַ דאַנק דעם, וואָס דאָס נייע וואָרט האָט דעם זינען נישט געשטערט.



1) ד"ר פ. פרידמאַן; 2) נ. בלומענטאַל; 3) ל. שעפּ-טעל; 4) דיאַנאַ גרינבוים; 5) העלענע דראָבנער; 6) מענדל טורעק (ביאַלי-סטאָק); 7) הערש וואַסער (וואַרשע); 8) רוטאַ סאָ-באָל - מאַסלאָווסקי (קאַטאָ-וויץ); 9) פּאָלע הירש; 10) געניאַ פּירקעס; 11) נעלי ראָסט; 12) מ. מירסקי; 13) קושניר (טשענסטאָכאָוו); 14) א. שעדלעצקי; 12) אברהם ברוגז; 1) ד"ר אַדאַ עבער; 17) קאַפּ. ד"ר יוסף קער-מיש; 18) י. קאמעראַז; 19) נח גרים; 20) זאַ-מעטשקאָווסקי.

אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער צענטראַלער ייד. היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש. זיצונג פון פלענום — נ. בלומענטאַל (2) האַלט אַ רעפעראַט.

וואו איז, טאַטע, די

אלוהי אדוני !"

די ענדערונגען זיינ

שטענדלעכע. זיי נעמען

דערהערן צי איבערגעב

אָבער דער זינען פון לי

ענדערונגען, וואָס באַשטי

האָבן באַקומען זייער ת

נייע וואָרט האָט דעם זי

פון דעם לאַגערשן טויט.

רעפריין: איכה...

פון דעם הימל גיב אַ קוק
און אויף די יידן גיט אַ בליק,
לעש שוין אָפּ דאָס פייער
און לאָז שוין זיין גענוג !

רעפריין: איכה...



אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער צענטראַלער ייד. היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדז
זיצונג פון פלענום — נ. בלומענטאַל (2) האַלט אַ רעפעראַט.

דאָס דאַזיקע ליד — איז דער פאַר דער מלחמה — אין יענע געגנטן — נישט געזונגען געוואָרן. ווען מיר האָבן ביי די, וואָס האָבן אונדז דאָס ליד — אין אַלע וואַריאַנטן — איבערגעגעבן (דריי לאַגעריסטן און דאָס דערמאָנטע פרייליין) געפרעגט, ווער האָט דאָס דאַזיקע ליד פאַרפאַסט, האָבן זיי אַלע אָנגעגעבן: אַ ייִנגל פון זאַלישטשיק מיטן נאָמען שמחהלע. (אומגעקומען בעתן ליקווידירן די לאַגערן, סוף 1942. — איבעריקנס האָט ער געזאָלט זיין דער מחבר פון נאָך אַנדערע לידער, וועלכע, צום באַדויערן, קיינער געדענקט נישט — אחוץ איינציקע פראַזן.)

און אָט אין „יידישע קולטור“, נומ' 5, מאַי 1944 (ניו-יאָרק), דרוקט בער גרין אין זיינע זכרונות וועגן בעסאַראַביע צוויי סטראָפן און רעפריין פון ליד „איכה“ (צי זיינען דאָרט מער קיין סטראָפן נישט באַקאַנט געוועזן?):

פאַרוואָלקנט די הימלען,
קיין שטראַל זעט מען נישט,
מען וויינט אין אַלע גאַסן,
עס רעגנט מיט בלוט.

איכה — ווי אַזוי?
פאַרוואָס שלאָגט אונדז דער גוי?
זע, גאָטעניו, האָב רחמנות,
ראה אדוני!

פון דעם הימל גיב אַ קוק,
צו די אוקראַינער אַ בליק,
שטיל-איין דיין צאָרן
און זאָל שוין זיין גענוג.

לויטן מחבר פון די זכרונות האָבן דאָס דאַזיקע ליד „אויסגעדיכטעט און מיט אַ וויינענדיקן טאָן אויסגעזונגען יידיש-אוקראַינער בחורים „בעזשענצעס“, וואָס זיינען אַנטלאָפן פאַר די פעטליורא-פאָגראָמען פון אוקראַינע קיין בעסאַראַביע.

עס איז קלאָר: דאָס באַרקי-קאַמיאַנקער ליד — הגם עס האָט אין זיך אַקצענטן, וועלכע מיר געפינען נישט אין בעסאַראַבער נוסח — איז אַ וואַריאַנט פון בעסאַראַבער. — פון וואַנען האָט זיך עס גענומען אין די לאַגערן? דאָס וועט אונדז פאַרענטפערן דאָס אָנגעבן פון זאַלישטשיקער ייִנגל אַלס מחבר פון ליד. — עס ווייזט אונדז אָן — דעם וועג, דורך וועלכן דאָס ליד האָט געוואַנדערט פון בעסאַראַביע-בוקאָווינע-זאַלישטשיק-לאַגערן אין טאַרנאָפּאָל. געהאָלפן האָט דאָ אויך מסתמא דאָס, וואָס די דאָזיקע טעריטאָריע איז אין די יאָרן 1940-1939 פאַראייניקט געוואָרן אין איין מלוכה (סאָוועט-רוסלאַנד).

וואָס זאָגט אונדז דער פאַקט פון אָנגעבן אַ פאַלשן מחבר פון ליד? קודם כל: דאָס פאָלק איז נוטה צו באַטראַכטן פאַרן מחבר דעם יעניקן, וועלכן זיי הערן זינגען, צו דערציילן אַ „נייע זאַך *). בפרט אַז דאָס ייִנגל איז געווען באַקאַנט אַלס פאַרפאַסער פון אַנדערע לידער, און דאָס „איכה-ליד“ אַליין האָט מסתמא ער אַליין אויך טיילוויז געענדערט. צווייטנס, לערנט אונדז דער פאַקט, אַז דאָס ליד איז ביז צו דער צייט טאַקע נישט געווען באַקאַנט אין די געגנטן, וויבאַלד מ'האָט געמיינט, אַז ס'איז ערשט אַנטשטאַנען אין... לאַגער. איבעריקנס האָט די טעמע און דאָס אַריינפירן אַקטועלע מאָמענטן טאַקע געקאָנט ברענגען אויפן רעיון, אַז ס'איז אַ ניי ליד.

אָבער דאָס ליד האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין טאַרנאָפּאָלער קרייז. אָט טרעפן מיר אַ נייעם וואַריאַנט ערגעץ ווייט פון די מקומות, ערגעץ אַרום ביאַליסטאָק, וואו דאָס ליד ווערט געזונגען אין די אָפּשטאַרבנדיקע געטאָס — סוף 1942 און אָנהייב 1943 י. — און וואָס פאַרא ענדערונגען זיינען אין לויף פון דער קורצער צייט אין אים פאָרגעקומען! עס בלייבט דער אַלטער לבוש, אָבער דער אינהאַלט איז אינגאַנצן דורכגעווייקט מיט די אַקטועלע פּאַסירונגען. עס רעדט זיך שוין אָבער אי וועגן היטלערן, אי וועגן דייטשלאַנד. שוין נישט וועגן וואָס מורא צו האָבן, סיי-ווי אַלץ פאַרלאָרן. קאָן מען זיך כאָטש קילן דאָס האַרץ מיט אַ האַרב וואָרט!

אָט איז דער — לאָמיר אים אָנרופן „ביאַליסטאָקער“ — וואַריאַנט:

פאַרוואָלקנט דער הימל,
קיין שטראַלן זעט מען נישט,
עס רוישט אין אַלע גאַסן,
עס בושעוועט, עס ברענט.
קרבנות, רציחות
פון היטלעריסטישע הענט.

רעפריין:

אַך ווי אַזוי שווייגסטו דעם גוי?
האָב, טאַטע, רחמנות!
אויפן הימל גיב אַ בליק,
אויף דייטשלאַנד גיט אַ בליק,
לעש אויס דעם פייער
און זאָל שוין זיין גענוג.

אַלטיטשקע זקנימלעך
מיט די גרויע בערד,
מען שעכט זיי ווי די רינדער,
מען וואַרפט זיי אין דער ערד.
קליינינקע קינדערלעך
פון דער מוטערס ברוסט,
מען שעכט זיי ווי די רינדער,
מען וואַרפט זיי אויף דעם מיסט.

*) פונקט אַזוי גיט מען אונדז איבער געבוירטיגס „ס'ברענט, ברידערלעך, ס'ברענט“ (פאַרפאַסט 1938) אַ ליד פון אַ „סאָסנאָוויצער יידן, וואָס האָט געלעבט אַ זעמליאַנקע. נאָמען אומבאַקאַנט“.

רעפריין: אַך ווי אַזוי...

מיר שרייען אַריבער
אויף יענער זייט טייך:
האָט אויף אונדז רחמנות
און נעמט אונדז צו צו אייך;
מיר ווילן זיך באַנוגענען
מיט אַ קליין שטיקעלע ברויט,
אַבי נישט צו קריגן
פון היטלערן דעם טויט.

רעפריין: אַך ווי אַזוי...

אויב אין טאַרנאָפּאָלער וואַריאַנט וויינט נאָך דער פאַרדיכטער איבער די בתי־מדרשים, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין שטאַלן, איבער די ספרים, וואָס ווערן פאַרשוועכט... און ער רעדט נאָך וועגן יידן, וואָס זאָלן רחמנות האָבן — הערט מען נאָך דאָ דעם שוואַכן רוף צו די היימישע יידן (יודנראַטן?), וועלכע וואָלטן געדאַרפט העלפן. אין די טאַרנאָפּאָלער לאַגערן ביזן סוף האָט נאָך געלעבט די האָפענונג, אַז מ׳קאָן זיך נאָך אויסקויפן מיט געלט (אַזעלכע פאַלן זיינען טאַקע פאַרגעקומען) און אַז ס׳איז נאָך נישט „עק וועלט". די פאַרניכטונגס־קוואַליע איז נאָך נישט דערגאַנגען צום באַוואוסטזיין...

אַנדערש איז שוין אין ביאַליסטאָקער וואַריאַנט; דאָ טרעפן מיר שוין נאָר איין טעמע: פולשטענדיקע פאַרניכטונג: סיי אַלט, סיי יונג, אַלץ איז „שמעלץ" — אַלץ איז באַשטימט פאַרן מיסט... און אויב די יידן האָבן נאָך עפּעס אַ שטיקל האָפענונג איז עס... אויף די ברידער פון יענער זייט טייך (ים?) — אַ מאָטיוו, וועלכן מיר געפינען אויך אין אַנדערע לידער פון דער צייט. — דער רעפריין מיט דער רעטאָרישער פראַגע צום רבונו של עולם איז נישט מער ווי אַ דעקאָראַציע.

ווי אַזוי האָבן זיך די וואַריאַנטן איבערגעטראָגן פון אָרט צו אָרט? מיר זעען דאָ, אַז די מענטשן, וואָס האָבן איבערגעטראָגן פון אָרט צו אָרט דאָס ליד — האָבן זיך געטראָפן אין לאַגערן, פון וועלכע ס׳איז זיי געלונגען אָדער זיך אויסצוקויפן אין דער ערשטער צייט אָדער אַנטלויפן. ווערנדיק באַפרייט פון איין לאַגער, איז דער אַנטלאָפענער טיילמאָל, נאָך איידער ער איז דערגאַנגען צו זיין היימשטאָט — אַריינגעפאַלן אין אַ צווייטן לאַגער. — דאָס איז מעגלעך געווען אין דער צייט פון פאַר „יודן־ריין" (אַן ערך ביז פרילינג 1943 י.) — ווען ס׳זיינען געווען געטאָס און אין זיי אַ טייל פון די אַמאָליקע יידן. אין די שפּעטערדיקע צייטן (אָנהייב 1944) ווערן שוין די יידן, וואָס זיינען פאָרט נאָך געבליבן לעבן און האָבן זיך געפונען אין די לאַגערן, חשובער — מ׳דאַרף זיי האָבן אַלס אַרבעטס־קרעפטן אין די אַלע פאַבריקן, וואו ס׳האָבן ביז דעמאָלט געאַרבעט דייטשן (אַמוניציע־פאַבריקן א. אַ. וו.). עס פעלן אויס מענטשן — מוז מען אָנקומען צום יידן. און מיר זעען אין דער צייט, ווי יידן בשעת אַן עוואַקואַציע פון לאַגער ווערן נישט ליקווידירט אויפן אָרט ווי פריער, נייערט זיי ווערן טראַנספּאָרטירט ווייטער אפילו ביזן סאַמע האַרץ פון דייטשלאַנד. און עס קומען פאָר די גרויסע, לעצטע—אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע יידן־וואַנדערונגען, עס פאָרן גאַנצע טראַנספּאָרטן יידן (פון פּלאַשאָוו, האַמאַג, לעצטן געטאָ־לאַגער לאָדזש א.אַ.וו.), אָבער שוין נישט אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן, נייערט צו אַרבעט (בוכנוואַלד, מאַוטהאַוזען, ראַווענסבריק, קעניגסוואוסטערהאַוזען א. אַנד.). דאָ אויף די נייע ערטער טרעפן זיך ווידער מענטשן פון פאַרשיידענע שטעט, לאַגערן — און... געבן זיך איבער די לידער, וועלכע יעדע פון די גרופּעס האָט געשאַפן פאַר זיך — אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער וועלט אונטער די שטאַכלדראָטן —.

פאַראַן נאָך אַ פאַרמיטלער פון יידישן פאָלקס־ליד אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע.

אין בעלזשיצע (לובלינער קרייז) זינגט מען אָנהייב פון דער צווייטער העלפט 1942 י. אַ ליד פון... וואַרשעווער געטאָ:

וואוהין זאָל איך גיין,
ווער וועט ענטפערן מיר?
וואוהין זאָל איך גיין?
עס איז פאַרמאַכט אין יעדער טיר,
די וועלט איז גרויס און שיין,
נאָר פאַר מיר איז זי קליין,
וואוהין זאָל איך גיין,
הייסט מען מיר בלייבן,
השיבנו נאַזאַד!

דאָס ליד האָט גאָר אויסגענומען. מ׳געדענקט נאָך ביז היינטיקן טאָג דעם רושם, וואָס עס האָט געמאַכט. אָבער ווי אַזוי איז דאָס ליד געקומען פון וואַרשע אַזש קיין בעלזשעץ? וועגן דעם גיט איבער אַן עד ראיה. עס האָט זיך אין אַ העלן זומער־טאָג באַוויזן אויף די גאַסן פון בעלזשעץ אַן אָרעם, אָפּגעריסן בחורל, געגאַנגען און געוויינט און געזונגען דאָס ליד. דער עולם האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אים — מ׳האָט אים מקרב געווען, געהערט דאָס ליד און מיטגעזונגען — עס האָט אַלעמען גערירט ביים האַרצן. אַ ליד וועגן אייגענע צרות.

פון וואַנען זאָל זיך דאָס האָבן גענומען דאָס בחורל פלוצים אין אַ פרעמדער שטאָט? ווער האָט עס אים דורכגעלאָזן דורך די פּאָליציייאישע קאָרדאָנען? גאַנץ מעגלעך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון אַ טראַנספּאָרט, וואָס איז געגאַנגען פון וואַרשע קיין טרעבלינקע אין יענער צייט. — ער איז דאָס — הייסט עס — געווען אַ „שפּרינגער" (לויט דער דעמאָלטיקער טערמינאָלאָגיע). ער האָט מיט זיך געבראַכט דאָס ליד וועגן טרעבלינקע, וואָס איז נאָך דעמאָלט — וואַרשיינלעך — נישט געווען. צי ס׳איז נאָך נישט געווען באַקאַנט דעם בחורל, וואָס איז געקומען קיין בעלזשעץ. עס האָבן זיך ערשט גע־

שאַפן די „אָביעקטיווע“ באַדינגונגען פאַרן אַנטשטיין פון דעם דאָזיקן ליד, וואָס איז געווען אַממייסטן פאַרשפרייט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע — און ווערט נאָך ביז היינטיקן טאָג געזונגען אויף פאַרשיידענע נוסחאות דורך דעם קליינעם הייפל יידן, וואָס איז געבליבן פון די באַזונדערע מקומות.

אויף דעם ליד „טרעבלינקע“ איז כדאי זאָך אָפּצושטעלן.

פון צווישן די פיל, פאַרהעלטניסמעסיק, וואַריאַנטן פון דעם דאָזיקן ליד קאָן מען דאַכט זיך אַרויסטיילן — צוויי הויפּט נוסחאות: אַ וואַרשעווער נוסח און אַ פּראָווינצער.

עס איז באַוואוסט, אַז דער הויפּט־שטראָם פון יידן קיין טרעבלינקע איז געגאַנגען פון וואַרשעווער געטאָ — און אָנגעהויבן האָט זיך עס דעם 22טן יולי 1942. פון אומשלאַג־פּלאַץ גייען דאָס אָפּ טאָג־טעגלעך טראַנספּאָרטן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, אָבער באַלד ווערט מען געוואויר פון אַנטלאָפענע פון די צוגן און פון די פּוילישע באַנערס, וואוהין די טראַנספּאָרטן גייען און וואָס ס'געשעט מיט די יידן.

אין זיין בראָשור: „דאָס געטאָ קעמפט“ (פּויליש) שרייבט דער מחבר, מאַרעק עדעלמאַן, ווי אַזוי מ'האָט אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלן מענטשן געוואויר צו ווערן וועגן גורל פון די אַרויסגעשיקטע און ווי אַזוי נאָכן צוריקקומען פון שליח — זלמן פרידריך — האָט מען שוין געוווּסט, אַז די טראַנספּאָרטן גייען קיין טרעבלינקע און זיי ווערן דאָרט פאַרסמט. עס האָט זיך אויך אַפילו וועגן דעם געשריבן און געוואָרנט נישט צו שטעלן זיך פרייוויליק צו די טראַנספּאָרטן אין אַ ספּעציעלן נומער „אויף דער וואַך“, נומ׳ 2. טרעבלינקע ווערט אַ שם דבר — אַ שרעק־וואָרט. וועגן אָט־דעם פאַרניכטונגס־לאַגער זינגט זיך דאָס טרעבלינקע־ליד:

### טרעבלינקי

אין אַ קליין שטעטל גאַנץ פרי פאַרטאָג,
מענטשן צערודערט, אַ געוויין און אַ קלאָג,
מ'לויפט ווי משוגע האַלב נאַקעט און בלויז,
מ'הערט אַ געשריי: „יידן פון שטוב אַרויס!“
זשאַנדאַרמען, פּאָליציי, אוקראַאינער פיל,
צו דערמאָרדן די יידן, דאָס איז זייער ציל;
מ'שיסט און מען שלאָגט, אַ מורא אַ שרעק,
מען טרייבט די יידן צום באַן אַוועק.
שרייבן קאָן זיך נישט קיין פעדער,
וואו עס דרייען זיך די רעדער.
מען פירט די יידן אויף קדוש-השם
קיין טרעבלינקי, קיין טרעבלינקי.

אונדזערע ברידער פון יענער זייט ים,
זיי קאָנען נישט פילן אונדזער ביטערן טעם,
זיי קאָנען נישט פילן אונדזער ביטערע נויט,
אַז אונדז וואַרט יעדע מינוט דער טויט.
די מלחמה וועט נעמען אַמאָל אַן עק,
די וועלט וועט דערפאַרן אונדזער אונערזעצלעכע שרעק.
אָנגעפילט מיט ווייטיק איז דאָס יידישע האַרץ;
ווער וועט קאָנען היילן אונדזער שמאַרץ.
טייכן טרערן וועלן רינען,
אַז מען וועט אַמאָל געפינען
דאָס גרעסטע קבר פון דער וועלט
אין טרעבלינקי, אין טרעבלינקי.

טרעבלינקי, דאָרט איז פאַר יעדן ייד אַן אָרט,
ער קומט און בלייבט שוין דאָרט.
ער קומט שוין נישט ווידער, דאָס האַרץ טוט וויי,
ווי מען טוט זיך נאָר דערמאָנען,
וואו מען טוט אונדזערע ברידער און שוועסטער פאַרסמען.

די יידישע פּאָליציי, זיי האָבן אונדז געהייסן
וואָס שנעלער גיין.
איר וועט נישט ליידן דאָרט קיין נויט,
איר באַקומט דריי קילאָ ברויט.
דאָס האַרץ טוט וויי, ווי דאָס קינד שרייט צו דער מאַמען,
ווי לאָזסטו מיך איבער, פאַרוואָס נישט ביידע צוזאַמען.

דער דאָזיקער וואַריאַנט און נאָך אייניקע אַנדערע זיינען פאַרצייכנט געוואָרן דורך פּאַרטיזאַנער, וועלכע האַלטן, אַז דאָס ליד איז געשאַפן טאַקע דורך פּאַרטיזאַנער, בפרט אַז אַ קליינער טייל פון די געראַטעוועטע טרעבלינקע־אויפשטענדלער איז צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנער און זיי וויל מען דאָ באַטראַכטן פאַר די פאַרפאַסער פון ליד. אָבער אין תוך איז עס נישט אַזוי. אין טרעבלינקע איז דאָס טרעבלינקע־ליד נישט געווען באַקאַנט און ממילא האָבן זיך די טרעבלינקע־אויפשטענדלער און שפּעטערדיקע פּאַרטיזאַנער דאָס ליד אויסגעלערנט ביי אַנדערע. — אָבער וואו איז דאָס ליד אַנטשטאַנען? כדי צו פאַרענטפערן די פראַגע — לאָמיר נעמען אין באַטראַכט די ענדערונגען, וועלכע ס'פאַרמאָגט אין זיך דער צווייטער הויפּט־וואַריאַנט, ער הייבט זיך אָן:

דאָ הערט מען אַ בלאָקאַדע,
דאָ שטופּט מען זיך נאָך מאַרמעלאַדע,
און מען ווייסט נישט וואָס און מען ווייסט נישט ווען
די גאַסן ווערן לער.

דאָ פאָרן אוקראַאינער אויף יידעש ריקשעס...

און ווייטער:

אָט דאָרט נישט ווייט שטייט דער אומשלאַג פּלאַץ אַליין...

אָט די דאָזיקע רעאַליסטישע בילדער־אויסדרוקן (בלאָקאַדע, ריקשע, אומשלאַג־פּלאַץ) ווייזט אונדז, אַז עס רעדט זיך דאָ נאָר וועגן איין שטאָט, וועגן וואַרשע. און דער סוף פון דעם ליד:

„נאָר הערט מיך און איר זאָלט אַהין שוין מער נישט גיין,
איר בלייבט שוין דאָ מיט מיר אַליין.“

קאָן אָנגעווענדט ווערן נאָר צו וואַרשע, וואו די אַקציע פון פירן קיין טרעבלינקע האָט געדויערט חדשים (ביז

# לידער

## פון א. סוצקעווער

### ווי צוויי עקן פון אַ רעגנבויגן

מיר זיינען ווייט.
דער שטח צווישן אונדז —
דאָס איז מיין בענקשאַפט.
אַ, וויפל שריפות, אומגליקן, מגפות,
מיען זיך מיין בענקשאַפט צו פאַרשליגגען!
נאָר זי לעבט.
פאַרשטיקט אין גרוב —
זי לעבט.
און ווי צוויי עקן פון אַ רעגנבויגן,
פאַרקניפּט זי אונדז
פון ביידע זייטן וועלט.

מיר זיינען ווייט.
און ווי אין טויט־שרעק ווערן פּלוצים גראָ
די יונגע האָר —
איז גראָ אין מיר געוואָרן ס׳ליד,
וואָס האָט געשפּריצט מיט פאַרבן;
נאָר דו, פאַרשליידערט הינטער זיבן בערג, —
ביסט דער טוי וואו ס׳קרייצן זיך די שטראַלן
פון מיין לעבן,
און שלאָגן אָפּ צוריק אַהער אין חורבה
און ווערן ברויט מיט וואַסער פאַר מיין גייסט.

איך טרינק זיך אין מיין בענקשאַפט
ווי אין אַ טייך מיט בלוט.
און דו ביסט מיר דער שטערן־זאַמד פון באָדן,
וואוהין עס וואָרצלען, ציען,
מיינע קראַמפּיקע שפּיצפינגער.
ווען ניט מיין זיכערקייט, אַז יעדע מיין באַוועגונג
שלאָגט זיך אָפּ אָן דיינער,
ווי אַ כוואַליע אָן כוואַליע, —
ווען ניט מיין גלויבן, אַז איך בין אין דיר
ווי דו אין מיר, —
וואָלט שוין לאַנג פאַרשלונגען מיך דער אָפּגרונט.

נאָר מיט דיר,
כאָטש ווייט פון דיר,
מיט דיר, —
ווער קאָן מיר פאַרבאָטן טראַכטן, זינגען,
אַז דו, מיין ווייטער פריינט,
ביסט איצט דער קערן פון מיין וואָרט.
און אין דיין וואָרט
(וואָס כ׳נעם אָן פאַר מיינעם)
בליט אַ ווייסע פרילינגדיקע שטאָט, —
און איך און דו, מיר איילן זי אַנטקעגן
באַגליט פון אַ מאַראַנצן־בוים
אין אָוונטיקער זון.

1 יולי, 1943

---

12טן סעפּטעמבער), אין אַנדערע קלענערע שטעט האָט מען אין לויף פון איין טאָג, צי אייניקע טעג — פאַרלאָדוועט דעם טראַנספּאָרט...

פאַראַן אָבער אין ביידע וואַריאַנטן נאָך איין מאָטיוו, וואָס ווייזט אָן, אַז ער שטאַמט פון וואַרשע, און איז איבערגענומען געוואָרן דורך אַלע פּראָווינצער וואַריאַנטן, נעמלעך דאָס צוזאָגן פון צוויי (אין אַנדערע וואַריאַנטן רעדט זיך וועגן דריי) קילאָ ברויט פאַר יעדן, וואָס וועט פרייוויליק אָפּפאָרן קיין טרעבלינקע. דאָס איז טאַקע פאָרגעקומען אין וואַרשע.

עס שרייבט וועגן דעם י. מאַוואָולט אין זיינע זכרונות פון וואַרשעווער געטאָ (כתב־יד אין אַרכיוו פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע): „כסדר אַפּישן. מ׳רעדט צו אָן אויפהער, מ׳זאָל זיך פרייוויליק מעלדן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. ס׳איז פאַראַן אַפילו אַ פּרעמיע דריי קילאָ ברויט און אַ קילאָגראַם מאַרמעלאַדע פאַר יעדן פרייווילליקן. אונטערגעשריבן דער קאָמענדאַנט פון דער אָרדענונגס־דינסט". (ז. 41). וועגן דעם פאַקט דערמאָנט אויך עדעלמאַן אין זיין אויבן־דערמאָנטער בראָשור (ז. 42). און ווער ס׳ווייסט וואָס פאַראַ הונגער ס׳האָט געהערשט אין וואַרשעווער געטאָ, קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ באַדייט די פּרעמיע האָט געקאָנט האָבן...

לויט אונדזער מיינונג, איז דעריבער דאָס ליד אַנטשטאַנען אין וואַרשע און דערנאָך אַריבער אין דער פּראָווינץ. די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער (בלאָקאַדע, אומשלאַג־פּלאַץ, ריקשע) זיינען פאַרשוואונדן און עס האָט זיך באַוויזן דער עפּישער אַריינפיר „אין אַ קליין שטעטל גאַנץ פרי פאַרטאָג" (אין אַנדערע וואַריאַנטן געפינען מיר: „אין אַ פּוילישער שטאָט". אַזוי הויבן זיך אָן צומייסט די לידער וועגן אַקציעס... די טעמע איז געווען אַ נאָענטע און באַקאַנטע אַלעמען, דעריבער האָט זיך דאָס ליד געקאָנט אַזוי גיך פאַרשפּרייטן.

אָבער ווער האָט געקאָנט די דאָזיקע טעמע אַריבערברענגען אויף דער פּראָווינץ? בלייבט דערויף דער איינציקער ענטפער: די אַנטלאָפענע פון די טראַנספּאָרטן, די שפּרינגער. — דאָס דערקלערט דער פאַקט, וואָס דאָס ליד ווערט געזונגען נישט ווייט פון דעם טרעבלינקער לאַגער אין מעזרישט און אין ביאַלאַ פּאָדלאַסקאַ זומער 1943, נאָך פאַרן אויפשטאַנד אין טויטן־לאַגער פון טרעבלינקע. אין די מקומות האָבן זיך קודם כל אָפּגעשטעלט די אַנטלאָפענע.

# אַ גראָז

קיין אַנדער לעבן האָב איך נישט פאַרזוכט,
און ווייס נישט צי זיין שוידער איז געשמאַקער.
קיין אַנדער חכמה האָב איך נישט געזוכט,
ווי זיין אַליין די ערד, אַליין דער אַקער,

און אויפגראָבן דעם ווילן, וואָס ט׳געוועלט
כ׳זאָל נישט פאַרבלייבן אייביק אומגעבאָרן.
אַ דאַנק דיר פאַרן שענקען מיר אַ וועלט
און פאַרן זיין אַ גראָז אין מיין זכרון.

נאָך איידער כ׳טו אויס דיינע גאָבן
און פאַרשווים פון מיין דאָאיקן גבול, —
מאַך ס׳לעבן מיינס מילגרוימיק פול,
איך זאָל גאָרנישט באַדאַרפן מער האָבן.

און פאַרקיילעך מיין דריי־צענדליק־יאָרענעם שפרייז,
מיטן הייפנדל טעג, אין דיין אָטעם געפאַנגען;
כ׳וויל זיין אַ געשלאָסענע צייט ווי אַ קרייז, —
אַ צאָל, פאַרזיגלט מיט קלאַנגען.

אַפּריל, 1943.

# די בריק

נישט פון מירמל רויט־געאָדערט,
נישט פון בראַנדז־געדרייטע שטריק,
נישט פון אייזן, ווי עס פאָדערט,
האָבן מיר געבויט די בריק.

ביז די אַקסלען אין די זומפּן,
מיט צונויפגעשמידטע הענט,
האָבן ברידער זיך פאַרשרומפּן
און פאַרלייגט אַ פונדאַמענט.

און אויף אים אַ שיכט אַ צווייטער
מיט פאַרפּעכיקטן גניק.
ווי די שטאַפּלען פון אַ לייטער
האָט געפורעמט זיך די בריק.

ביז צונויפגעהעפּט מיט נאָגל
האָט אַ לייב זיך צו אַ לייב.
אַך, צעגאַנגען איז דער האָגל
אויפן אָנגעגליטן לייב!

יעדער גוף האָט ווי אַ פאַקל
זיך געשפּיגלט אין טשערעט,
אָן אַ קרעכצן, אָן שום וואַקל
זיך פאַרשמאָלצן און פאַרקנעט.

ווען די בריק איז שוין געהאנגען
ווי אַ רעגנבויגן לאַנג, —
זיינען איבער איר געגאַנגען
מיט פאַרטייעטן געזאַנג

שורות מורדים... מיידלעך, ייִנגלעך,
דורכגעגליט מיט איין באַגער.
מיט די פינגער אויף די צינגלעך
פון באַרעגנטן געווער.

אויך אַ פערד האָט זיך געצויגן
מיט עקשנותדיקע טריט...
נאָר די בריק האָט אומגעבויגן
בלויז מיט פונקען זיך באַשיט!

30 אויגוסט, 1944.

# לידער

פון **מענדל מאַן** / לאָדזש

## אויף דער ערד...

אין דער שטילסטער שעה,
ווען ס׳זיינען מיינע שויבן בלאָ,
ווען די טיר איז שוין פאַרמאַכט
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,

וועל איך אויפשטיין מיטן פּנים צום מזרח־וואַנט.
אויפן האַרצן מיין גרויע האַנט,
און די אויגן צום אומזעבאַרן עמוד האש
און שטיל פליסטערן יתגדל ויתקדש.

דערנאָך דריי שפּאַן טאָן אויף צוריק
און גלעטן מיין ייִנגעלע אין וויג.

זאָל זיך ציען אונדזער גאָלדענע קייט
פון דור צו דור, צו דער ווייטסטער ווייט,
אויף דער ערד, וואָס איז מיט אונדזער אַש,
דער סימן פון אונדזער זיין — דער יתגדל ויתקדש.

## כ׳וועל זיך צוהערן...

כ׳וועל זיך צוהערן
צו אַלע טריט אויף טרעפּ און שוועלן,
אפשר וועל איך דיינע טריט דערהערן?

כ׳וועל זיך צוהערן
צו יעדן קלאַנג, צו יעדן טריט אויף קאַלטן שטיין,
אפשר וועל איך דערהערן יענעם קלאַנג, וואָס קאָן נישט
פאַרגיין?

כ׳וועל זיך צוהערן
צו יעדן שטילן שאָרך וואָס קאָן פאַרוויגן,
אפשר וועל איך דערהערן דיין לעצט געפליסטערטן
ניגון?

# ווערטער ווי אָפענע וואונדן

(ש. שאַיעוויטש — „לך־לך"...; מרדכי געבירטיג — „ס׳ברענט")

פון **גיטל מייזיל** / תל־אביב

„... קומען וועט נאָך אונדזער אויס־
געבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר
זיינען דאָ!"

אַזוי ענדיקט זיך דער הימן פון פ.פ.א. (די פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנען אָרגאַניזאַציע) אין ווילנער געטאָ. זעלטן ווער געדענקט שוין, אַפילו איצט, אַז דער מחבר פון דעם ליד הייסט הירש גליק, אַז ער איז געווען אַ ווילנער יידישער דיכטער, זייער אַ יונגער נאָך, און אַז, ווען ער איז אומגעקומען, איז ער אַלט געווען אינגאַנצן 25 יאָר. און ווער געדענקט דען, און ווען געדענקט מען דען דעם נאָמען פון אַ מחבר, וואָס זיין ליד ווערט געזונגען פון אַ גאַנץ פאָלק. און הירש גליקס ליד ווערט דאָך שוין איצט געשפּילט און געזונגען אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך פון דער צעזייטער און צעשפּרייטער יידישער וועלט. דאָס ליד ווערט דאָך איצט געשפּילט און געזונגען אויך דאָ, ביי אונדז, אין אַ פּלוצים פּוסט־געוואָרענעם קיבוץ נאָך אַ „חפוש" (אונטערזוכונג).

## ס׳ברענט




ליד פון מרדכי געבירטיג

די צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון פּוילישע יידן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אויספאָרשן און צונויפזאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דעם חורבן פון פּוילישן יידנטום, האָט הייאָר אַרויסגעלאָזט צוויי דינע ביכעלעך לידער. איין ביכל מיטן נאָמען „לך־לך..." פון דעם אומגעקומענעם לאָדזער דיכטער ש. שאַיעוויטש, איז אַרויס אין לאָדז. דאָס צווייטע ביכל מיטן נאָמען „ס׳ברענט", פון דעם אומגעקומענעם קראָקעווער דיכטער מרדכי געבירטיג, איז אַרויס אין קראָקע. וואָס מער מען לייענט זיך אַריין אין די צוויי פּאָעמעס און צוויי בריוו פון ש. שאַיעוויטש, געשריבן אין די יאָרן 1941־1942, און אין די 16 לידער פון מרדכי געבירטיג, געשריבן אין די יאָרן 1938־1942, דאַכט זיך אַלץ מער און מער, אַז אויף זיי אַלע, סיי אויף די פּאָעמעס און סיי אויף די לידער, וואַרט דער גורל פון הירש גליקס ליד. דאָס פאָלק וועט אָט די, נישט־געווענע נאָך פּאָעמעס און לידער פון אַ גאָר נישט־געוועזענער תקופה אינעם יידישן לעבן, צוריק צונעמען, וועט זיי צוריק פאַרוואַנדלען אין פאָלקס־אייגנטום, אין פאָלקס־לידער. ווייל וואָס מער מען לייענט זיך אַריין אין די פּאָעמעס, לידער און בריוו פון די צוויי דיכטער, ווערט אַלץ קלאָרער און קלאָרער, אַז דורך זיי ביידע האָט — געדראָט און געוואָרנט, האָט געטרייסט און געשאָלטן דאָס פאָלק.

אומגעהויער גרויס איז אין יענער תקופה געווען דער פאָלקס־דראַנג אַראָפּצורעדן, ריכטיקער, אַראָפּצוזינגען פונעם שווערן האַרצן.

עס איז, ליידער, נאָר אַ קליינער טייל פאַרבליבן פון דער גרויסער שפע פון פאָלקס־שאַפונג. און דאָס ביסל, וואָס איז אָפּגעהיט, אָדער שוין שפּעטער געפונען געוואָרן, איז געווען אינגאַנצן צופעליק, גאָר מעשה נס. האָבן זיך דאָך די כתב־ידן פון ש. שאַיעוויטשעס צוויי פּאָעמעס געוואַלגערט אין געטאָ־מיסט, צווישן אַ בינטל אַלטע שמות. פון דאָרטן, פונעם געטאָ־מיסט טאַקע, זיינען זיי אַרויסגענישטערט געוואָרן בשעת איינער פון

די זיך־עקספּעדיציעס, וואָס די היסטאָרישע קאָמיסיע האָט אונטערגענומען אינעם געהרוזנעם לאָדזשער געטאָ. דער מחבר־יד פון דער ערשטער פּאָעמע „לך־לך" איז געשריבן מיט אַ בלייפעדער אויף צוויי טאָפּל־קאַרטלעך פון אַ געווייַלעכן העפט. דאָס אָנגעשריבענע איז דער־נאָך טיילווייַז איבערגעגאַנגען מיט טינט. דער כתב־יד פון דער צווייטער פּאָעמע, „פרילינג תש״ב", איז גע־שריבן אויף אַ בלאַט פון אַ קאָנצעלאַריע־בוך. אַ צוויי־טער, אַ ביסל געענדערטער, וואַריאַנט פון „לך־לך" איז, צוזאַמען מיט די צוויי בריוו, איבערגעגעבן געוואָרן דער קאָמיסיע דורך אַ לאָדזשער תושב. די צוויי פּאָעמעס ווייַ־זן אַ קלייגער טייל פון ש. שאַיעוויטשעס שאַפן אין געטאָ. ווי עס ווייַזט אויס, לויטן עדות פון זייַנע בריוו און פון די לעבן־געבליבענע לאָדזשער תושבים, האָט ער אָנגעשריבן אַ גרעסערע געטאָ־פּאָעמע פון 17 קאַפּיטלעך, אַ באַזונדערע פּאָעמע וועגן דעם, ווי אַזוי זייַן פרוי און זייַן 5־יעריק טעכטערל, בלימעלע, זייַנען נאָך פאַר אים, דעם מאַן און דעם טאַטן, „אויסגעשיקט געוואָרן" פון לאָדז, און נאָך אַ גרויסע פּאָעמע „סראַל גאַבעל", לויטן נאָמען פון אַ לאָדזשער העלד... און ווער ווייסט וויפיל נאָך פּאָעמעס און לידער ער האָט אָנגעשריבן, וואָס פון זיי איז שוין אפילו קיין זכר נישט געבליבן...

און קלינגט דען נישט די מעשה וועגן דעם, ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר אַ מסירת־נפש אַ קראַקעווער פרוי האָט אַפּגעהיט די לידער און נאָטן פון מרדכי געביר־טיג, אַליין פאַר זיך, ווי אַ לעגענדע?

ש. שאַיעוויטש האָט געהערט צו יענעם טייל לאָדזשער יוגנט, וואָס, הגם זיי זייַנען געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ מיצעלע אויפן קאָפּ, האָט זיך אָבער ביי זיי, אויף זייער ספרים־פּאָליצע, באַגלייך מיט ישעיה, מיטן תהילים און ר' יהונתן אייבעשיץ, אויך געפונען דער דייטשער קלאַסיקער געטע, דער רוסישער דיכטער־בונטאַר סערגעי יעסענין און די יידישע דיכ־טערין פון טראַדיציע מרים אולינאָווער. און בשעת ש. שאַיעוויטש האָט זיך געגרייט צום נאַציאָנאַלן גירוש, האָט ער בדעה געהאַט מיטצונעמען אין לעצטן וועג אַריין, צוזאַמען מיטן תנ״ך, אויך ה. לייוויקס לידער.

ש. שאַיעוויטש איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה געווען נאָך אַ דיכטער און אָנפאַנגער. ער האָט בכלל ביז דער מלחמה זיך כמעט נישט געדרוקט. און אין געטאָ שוין, האָט ער שווער און ביטער, פון גאַנץ פרי ביז שפּעט ביינאַכט, געאַרבעט ווי אַ שומר אין אַ קלייט פון גרינס. און דאָרט, אַליין אַ הונגעריקער, איז אים אויס־געקומען נישט ווייניק אויסצושטיין פון אַ שטענדיק־הונגעריקן, צערייצטן המון. אָבער דאָס האָט נישט פאַר־טעמפּט אין אים זייַן שעפעריש אויפברויז. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זייַנע נישט אויסגעזונגענע, נישט דער־זונגענע געדאַנקען און געפילן פלאַטערן אַרום אים, האַלטן אין איין פאַרלויפן יעדן שריט און יעדן טריט זייַנעם און פאָדערן אַ דיכטערישן תיקון פאַר זיך. און דער שעפערישער דראַנג זייַנער האָט אין אים פון איין

ווייט געוועקט די אייביקע יידישע שטרעבונג און [illegible] צרה צו שאַפן אַ נייעם „יבנה וחכמיה", — [illegible] דער אַנדערער ווייט די שטרעבונג אַליין [illegible] דאָס אייגענע ליד, גיין צום פאָלק מיט אַ ליד — [illegible]

אַזוי טאַקע איז ער געווען אַן אַקטיווער [illegible] פון דער ליטעראַרישער גרופּע, וואָס איז [illegible] אָנפירונג פון דער פרומער דיכטערין מרים [illegible] (די מחברין פון „דער באָבעס אוצר"), [illegible] ביזן סוף פונעם לאָדזשער געטאָ. און אַזוי [illegible] נישט אויפגעהערט צו דרשענען און [illegible] לידער צום פאָלק. וואָס אַזוינס, אויב נישט [illegible] צום פאָלק, איז אייגנטלעך זייַן פּאָעמע „[illegible] וואָס איז געשריבן אין אַ פאָרם פון אַ [illegible] זייַן 5־יעריק טעכטערל, בלימעלע? אַט [illegible] פּרואוו צוצוגרייטן די גרויסע, ברייטע [illegible] די זיסע קוועקזילבערדיקע קינדערשע [illegible] קלינגענדיקן קינדערשן געלעכטער צו [illegible] מיידלעכער פּרשה פון לך־לך; צוצוגרייטן [illegible] נייער גרויזאַמער פּרשה פון גירוש, [illegible] עס איז אַ דרשה וועגן דער אַנגעכמורעטער, [illegible] יידישער אייגנגעזעסנקייט, וואָס שטראַלט [illegible] אַן אייביק אינערלעך ליכט. און עס איז אַ [illegible] וועגן דעם חורבן פון אַט דער [illegible] שטראַלנדיקער אייגנגעזעסנקייט.

דער ווייַ־געשריי ווערט נאָך מער [illegible] פאַרטיפט אין ש. שאַיעוויטשעס צווייטער [illegible] הייסט „פרילינג תש״ב". אַזוי פאַרשאַרפט [illegible] אַז ער גייט שוין איבער אין אַ ביז־גאָר [illegible] פּראָטעסט. און דער ווייַ־געשריי, צוזאַמען [illegible] טעסט, ליגן דאָ נישט אַזוי אַפילו אין [illegible] פונעם געטאָ־לעבן, ווי אינעם פאַן פון [illegible] פּאָעמע, וואָס יעדער איינציקער פון די [illegible] דאָ הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אין אַ [illegible] שעה איז דער פרילינג ווייטער דאָ". [illegible] דער אָנקומענדיקער פרילינג תש״ב. [illegible] פּלוצים אָן, אַ צעבליטער און גאָלדענער, [illegible] און טריאומפירנדיקער. רוקט זיך אָן [illegible] און פונקט ווי גאַרנישט וואָלט זיך נישט [illegible] אויף דער וועלט, וועקט ער אויף און [illegible] און מאַכט פריש אַלץ, וואָס אָטעמט און [illegible] דער זון — רודערט אויף און ברויזט [illegible] בלוט פון די מענטשן אין געטאָ, צי [illegible] אָדער נישט.

און אָט דאָס אויפגעברויזטע, [illegible] נערלעך ניי־געבוירן לעבן מאַכט נאָך [illegible] לעכער, נאָך דערדריקנדיקער די [illegible] פּשוטע ווערטער געשילדערטע [illegible] פונעם „געווייַנלעכן" געטאָ־שטייגער, [illegible] טרעגלעך און דערדריקנדער ביז אַ [illegible] שטעלט ש. שאַיעוויטש צוזאַמען און [illegible] פון איין זייַט דעם העל־צעשטראַלטן, [illegible]

...דיקן פרילינג, און פון דער צווייטער זייט דאָס ...זאַם־גרייע, גרויזאַם־שווערע לעבן אין געטאָ. צען מאָל חזרט ער עס איבער, און מיט יעדן מאָל ווערט אַלץ שטאַרקער און אויפרייסערישער דער פראָטעסט. אַ סך שטאַרקער און אויפרייסערישער, ווי ש. שאַיעוויטש, קאָן זיין, האָט זיך עס אַליין פאַרגעשטעלט.

צום סוף פון דער פאָעמע ווענדט זיך שאַיעוויטש צו ...ליקן און פאַרלאַנגט פון אים, פון דעם גרויסן צאָרנ־דיקן דיכטער, אַז יענער זאָל אויפוועקן פון זייער שלאָף די מאַמע רחל, דעם באַרדיטשעווער צדיק, און זיי זאָל־...דערט זאָלן זיך שטעלן פאַר גאָט. דער דיכטער פון צאָרן און נקמה זאָל דונערן און פאָדערן, די מאַמע רחל זאָל וויינען און בעטן און לוי יצחק זאָל אַ דין־תורה האַלטן און זאָגן זיין מליץ־יושרדיקן פסוק: „— ווערסטו ...שם, רבונו של עולם, אויסלייזן לעבעדיקע יידן — ...קסט אויסלייזן, חלילה, טויטע שאַרבנס...“ און ...קהיטש האָט, קאָן זיין, זיך גאָר נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער אַליין, דער יונגער פאַראורטיילטער לאָדזשער תושב, האָט שוין אַליין די אַלע דריי זאַכן געטאָן און אָפגעטאָן. ווייל די פאָעמע „פרילינג תש״ב“ פאָדערט און דונערט, וויינט און בעט, און דער עיקר האַלט זי אַ דין־תורה — אַ דין־תורה מיט הימל און ערד.

דורך אָט דער גאַנצער פאָעמע, פונקט ווי דורך דער ...טער פאָעמע „לך־לך“, גייט דורך אַן אומגעהויערע בענקשאַפט נאָך אַ גרויסן געטאָ־ייד, אַ מין יצחק אבר־בנאל, וואָס זאָל טרייסטן די יידן אין זייער גרויסן בראָך, וואָס זאָל זיי לינדערן די יסורים אין זייער אומהיימלעכן און אומבאַקאַנטן וועג. און ס'איז אים גאָר נישט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז ער אַליין טאַקע, דער יונגער לאָדזשער דיכטער ש. שאַיעוויטש, איז געווען איינער פון אָט די גרויסע געטאָ־יידן. פונקט אַזוי ווי אַ צווייטער גרויסער געטאָ־ייד איז געווען אויך דער קראָקעווער מרדכי גע־בירטיג, דער מחבר פונעם צווייטן דינעם ביכל דיכטונג, וואָס הייסט „ס'ברענט“.

מרדכי געבירטיג איז שוין ביים אויסברעכן פון דער מלחמה געווען נישט זייער יונג און נישט זייער געזונט. אין זיין אָרעם סטאָליער־שטיבל פלעגט ער ביי דער אַרבעט אויסזינגען זיינע לידער, אויסזינגען זיי בפועל ממש. ווייל ביי אים, ביי אָט דעם פאָלקס־דיכטער, זיינען די ווערטער פון די לידער, נאַטירלעכערהייט, אויפגעקומען גלייכצייטיק מיט אַן אייגענעם פאַסיקן ניגון.

עס איז געוויס נישט קיין צופאַל, וואָס דווקא זיין ליד „ס'ברענט“, אויסגעזונגען נאָך אין יאָר 1938, ווערט שפעטער דאָס ליד פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין קראָקעווער געטאָ. און עס איז אַוודאי קיין צו־פאַל נישט, וואָס דאָס ליד „ס'ברענט“ ווערט אויך איצט געזונגען איבער דער גאַנצער יידישער וועלט, און אויך דאָ ביי אונדז, אין ארץ־ישראל. פון הארץ צו הארץ גייט אָט דער פאָלקס־רוף פונעם ליד „ס'ברענט“, מען זאָל נישט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט, מען זאָל לעשן דאָס פייער — זאָל זיין מיט אייגן בלוט, אַניט קען חלילה קומען דער מאָמענט:

„אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאַמען
זאָל אויף אַש אַוועק אין פלאַמען,
בלייבן זאָל — ווי נאָך אַ שלאַכט
נאָר פוסטע, שוואַרצע ווענט!
ס'ברענט! ברידערלעך, ס'ברענט!...“

פונקט אַזוי פאָלקסטימלעך, פשוט און האַרציק קלינגען אויך די איבעריקע לידער פון מרדכי געביר־טיג, וואָס זיינען שוין געשריבן געוואָרן בשעת דער נאַציסטישער אָקופאַציע. ווי איבערצייגנדיק און קלאָר זיינען זיינע טענות צו דער וועלט, ווי לאַקאָניש און טרעפלעך זיינע פאָדערונגען צום נישט־יידישן מיט־מענטש. און ווי נאַאיוו, אָבער — דערביי פעסט און שטאַרק זיין גלויבן, אַז עס וועט קומען אַ גרויסער, מענטשישער יום־טוב, וואו די יידן וועלן שפאַנען בראש. אַזוי שטאַרק און איבערצייגנדיק איז זיין גלויבן, אַז עס קלינגט ווי אַ טרייסט אויך פאַר אונדז...

זיי זיינען אייגנטלעך פאַרשיידן, די ביידע ביכלעך דיכטונג, פאַרשיידן סיי לויט זייער מענטשישן שוואונג און פאַרנעם, סיי לויט זייער קינסטלערישן גראַד — אויב מען קאָן בכלל אָנווענדן אַ מאָס פון קינסטלערישן מעסטאָד צו אָט די ווערטער, וואָס טריפן מיט בלוט, צו אָט די בילדער, וואָס ווירקן ווי אָן אָפענע וואונד.

YIDDISHE KULTUR

# יידישע קולטור

חודש־שריפט פונ׳ם
אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד

איקוף

## אינהאַלט


דער חודש פאַרן יידישן בוך
דאָס ליד פון דיין אַמאָל — — — — — — — — — ל. מילער
קלמן מרמרס זיבעציק יאָר — — — — — — — — י. ב. ביילין
70 יאָר יידיש טעאַטער — — — — — — — — יעקב מעסטל
גאָלדפאַדענס דראַמאַטורגיע — — — — — — — י. דאָברושין
אברהם גאָלדפאַדען—דער פאָטער פון דער
טעאַטער־מוזיק ביי יידן — — — — — — — — מ. ירדני
דער מערקווירדיקער עפּאָס פו די קאַווקאַזער באַרג־יידן — משה כץ
דאָס ליד פון די באַרג־יידן (עפּאָס), פון באַרג־יידיש — מ. העלמאָנד
ארץ־ישראל און אַמעריקע — — — — — — — — נחמן מייזיל
מיין מאַמעס יום־טוב־קלייד (ליד) — — — יצחק יאַנאַסאָוויטש
באַלוט, מיין חרובע היים; דו אַליין (לידער) — — וואָלף אָ. איוואַן
דאָס יידישע בוך אין די ניו־יאָרקער „פּאָבליק
לייברעריס" — — — — — — — — — — — פ. סאַנדלער
הענט (ליד) — — — — — — — — — — — משה בראָדערזאָן
קולטור־פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנער יידנטום — — ש. סעקולער
צו דער שחיטה (ליד) — — — — — — — — — שלום שטערן
כאַוועלע (דערציילונג) — — — — — — — — יחיאל שרייבמאַן
אונדזער קינדער־ליטעראַטור—צוליב וואָס און
פאַר וועמען — — — — — — — — — — י. א. ראָנטש
מוראדיקע מחלוקת — — — — — — — — — אבא גאָרדין
לעאָ קאַץ — — — — — — — — — — ז. וויינפּער
ווערטער ווי אָפענע וואונדן — — — — — — — גיטל מייזיל
פלאַסטישע קונסט ביי יידן און די איקוף־
קונסט־סעקציע — — — — — — — — — פרענק ס. קירק
רעפּראָדוקציעס
נאָטיצן
איקוף־טעטיקייט
נייע ביכער




אברהם גאָלדפאַדען


11

נאָוועמבער, 1946

אַכטער יאָרגאַנג

•

35 סענט